№ 49 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. זעקסטער יאָהרגאַנג. פּרייז 20 גראָשען ,,CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען־פּרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 24 גראָשען נעבן טעקסט 18 גראָשען.
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פאראַנטװאָרטליך

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאמענטס־פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek dnia 2 grudnia 1927 — 3,10 ליכט צינדען — פרייטאג, ח' כסלו פ' ויצא תרפ"ח.


## טעאַטער „אָדעאָן", אַלעע 27.

פון פרייטאג דעם 2 דעצעמבער און וויטערע טעג.

דאס מעכטיגסטע קונסטווערק פון אינלענדישער שאַפונג! — דער רוהם פון פוילישער קינעמאַטאָגראַפיע!

# ZEW MORZA

רעאַליזירונג: הענריק שאַראָ — דראמא אין 12 אַקטען, לויט סט. קעדרזינסקי — ליטער. לייטונג: רעד. ט. קאָנטשיץ

אין די הויפּט־ראָלען: די פּערל פון דער פוילישער סצענע **מאַריאַ מאַליצקאַ**, דער שענסטער פוילישער אמאַנט **יעזשי מאַר**

מאַריוש מאַשינסקי, נאַ־אַ גער, מאַרזשעלעווסקאַ, סלוביצקאַ דלוגאָלענצקאַ, פּיעװסקי און אַנד.

עס נעמען אויך אַנטייל אָפּיצירען און זעלנער פון פוילישען ים־פלאָט, האַנדעלס־פלאָט און דער פוילישער ים־פליה־פלאָט.

אקטועלעס! — איבער'ן פּראָגראַם: — אקטועלעס!

ראס אָנקומען נאָך װאַרשאַ פון מאַרשאַל פראַנשעט ד'עספערי און בעשענקען דעם מאַרשאַל פּילסודסקי מיט'ן העכסטען פראַנצויזישען אויסצייכנונג „מעדאַיל מיליטער".

נישט אכטענדיג אויף די גרויסע קאָסטען זענען די פּרייזען נעװעהנליכע: קרעסלאָ 1,50 לאָזשאַ 2.— און 2,50 זל.

## פּייערלעשער־זאַל

פּעראַנשטאַלטעט פרויען פון יודישען ארטיסטען־פעראיין אין פוילען אונטער דער לייטונג פון ארטיסט ה' בוּלקאָוויטש מיט'ן אנטייל פון פרויען: ביאַלקאָוויטש, בוטשינסקאַ, גאָלדשטיין, סלאַוויצקאַ, צעהס, פענער: ביאַלקאָוויטש, האַס, אינער, ליבערמאַן, לעווקאָוויטש לודנער, סענאַל, שטיינער א"א.

סופלער ה' לודנער. מוזיק פון ה' בלומשטיין אימפרעסאריאָ ה' האַס.

## לעצטע 3 פאָרשטעלונגען

**פרייטאג** דעם 2 גרודזיען 8,45 אָװענד
ווערט געשפּילט די פרעהליכע קאָמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון קאַנאַפעל
### דזשעקעלע בלאָפער
מיט מ. יאַלעס אין דער ראָל דזשעקעלע

**שבת** דעם 3 גרודזיען האַלב 4 נאָכמיטאג
ווערט געשפּילט צום לעצטען מאל די סענסאַציאָנעלע פּיעסע אין 4 אַקטען
### סודות פון דער צעלע 976
מיט פרוי יאַלעס אין דער ראָל רייע.

**מאַלווינאַ יאַלעס** — סונ'ס שטערן פון דער יודישער ביהנע פרוי

פרעמיערע! שבת 8,45 אָװענד פּרעמיערע!
### גרויסער פרעהליכער פּיקניק
4 אָפּערעטען אין איין נאַכט
לעצטע אבשידס פאָרשטעלונג פון מ. יאַלעס
1) 1־טער אַקט פון יעקעלע 2) 2־טער אקט פון הנמשך אין אַמעריקאַ 3) 1־טער אַקט פון ציפּקע פייער 4) ערשטער אַקט פון װיסען מיידעל
מיט מ. יאַלעס אין דער הויפּט־ראָלע.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דרוקערײַ פון ח' באַטשאַן, שבת פון 11 פריה אין קאַסע

## אכטונג! מאַסקאַראַדען־בעזוכער!

דאַמען־מענער־קאָסטיומען אויך מאַסקען־בעקומער בעקומט איהר ביי ר. ביאַלקאָוויטש, אַלעע 10

**Teatr Miejski „Rozmaitości"**, Strażacka 8, dyr. J. Otrembski.

# WICEK i WACEK

שבת, זונטאג, מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך, דאָנערשטאג פון 1 ביז 4 זלאָטעס די לאַנג־ערוואַרטעטע קאָמעדיע אין 4 אַקטען א. ט.

**Tajemnica powodzenia** — היינט פרייטאג אָװענד און זונטאג 4 נאָכמיטאג


## „טאָז"

נעזעלשאַפט צו פערהיטען דאס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען. אבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאג דעם 4 דעצעמבער 1927, 12 א זייגער מיטאג ווערט אינ'ם „טאָז" פּאַוויליאָן בײַם יודישען שפּיטאל פאָרקומען

### די טרעפנונג

פון 1) די קאָנסולטאַציעס פאר מוטערס און קינדער
2) די קאָנסולטאַציעס פאר שוואַנגערע פרויען
3) שול־היגיענע קאַבינעט
4) צאָן־ארצט קאַבינעט

אויף וועלכער מיר לאַדענען איין אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

די פערוואַלטונג.

## אכטונג!

### אַלע מייסטער און מייסטערינס פון נאָדעל־פאַך

מיטגלידער און נישט מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען שבת דעם 3־טען דעצעמבער פונקטליך 11 פריה אין לאָקאַל פון האַנדווערקער־קלוב, אַלעע 40 אויף דער אויסערגעוועהנליכער אלגעמיינער פערזאַמלונג וועגען דער רעיעס טראַציע צו דער האַנדווערקער־קאַמער.

נעדענקט אז עס איז שוין דער לעצטער טערמין. — קומט מאַסענהאַפט.

די פערוואַלטונג פון שניידער־מייסטער־פעראיין בײַם האַנדווערקער־קלוב.

מיר דרוקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער פערוואַלטונגס־מיטגליד ח' מרדכי מאַקשינסקי צוליב דעם שווערען אומגליק וואס האט איהם געטראָפען מיט'ן טויט, כמעט אין איין צייט, פון זיין ליעבע מוטער

### פייגיל נ"ע

און זיין ברודער

### דוד נ"ע

אין דער ארבייט פאר דער פערבעסערונג פון דער לאַגע פון די ערוי־מע קליינהענדלער וועל ער א טרייסט געפונען.

די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער־פעראיין אין טשענסטאָכאָוו.

## די פערוואַלטונג פון „לינת הצדק"

מעלדט מיט אז עס איז געלונגען צו אונזער וואוילטעטיגער ארבייט אריינצוציהען די דאָקטוירים ה"ה באַטאַווּיאַ, בראָם, בראָניאַטאָווסקי, גייזלער, גרינבוים, גאָלדמאַן, גרינוואַלד, גוט־מאַן, הייטמאַן, האַלבערג, וויסבערגאַטאַ, ליפּינסקי, לעווין, מאַ־בעל, פּראַפּערס, פרענקענבערג, וואַצלאַוו קאָן, סטעפאַן קאָן־קאָנאַרסקי, ראָזען, רוס, שיקער, שפּירא, שאַפּעראַטאַ, אַזוי אַז יעדער קראַנקער וועט זיך קענען הײלען ביי וועלכען דאָקטאָר ער וועט נאָר וועלען.

## בעקאַנטמאַכונג.

צו דער בעקוועמליכקייט און נוצליכקייט פון אונזערע מיטגלידער האָבען מיר איינגעלאַדען א רעכטס־קאָנסול אין דער פּערזאָן פון אפּליקאַנט־אַדוואָקאַט פ. מייטליס וועלכער וועט געבען יורידישע עצות וועגען שטייערען, עקס־מיסיעס א.ז.וו. אין לאָקאַל פון פעראיין יעדען זונטאג און מיטוואך פון 7 ביז 8 אָװענד. ער וועט אויך ערלעדיגען אַלער־ארט געריכטליכע ענינים.

די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער־פעראיין.

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו
פּילסודסקי 13
מעלדעט אז יעדען טאג חוץ פרייטאג און שבת איז דער סעקרעטאַריאַט טעטיג פון 7 ביז 9 אָװענד.
דעם 18 דעצעמבער קומט פאר די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע.


## אכטונג! פאַבריקאַנטען פון שפּילצייג־בראַנזשע!

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן צעכען־געזעץ וועלכער געהט אריין אין קראַפט דעם 15 דעצעמבער רופען מיר אַלע פאַבריקאַנטען פון דער שפּילצייג־בראַנזשע אויף א אַלגעמיינע פערזאַמלונג זונטאג, דעם 4 דעצעמבער ד. י. 7 אָװענד אין לאָקאַל פון האַנדווערקער־קלוב, אַלעע 40.

צייטווייליגע פערוואַלטונג פון דער שפּילצייג־בראַנזשע




| | | |
|---|---|---|
| Śniegowce damsk. z gabar. z aksamit wyłogami wysokie | Zł. | 25.— |
| " " " " niskie | " | 22.— |
| " " z tryk. „Jersey" z aks. wyłogami niskie | " | 19.— |
| Kalosze męskie ciepłe | " | 17·20 |
| " damskie " | " | 11.30 |

## קופּאָן נר 1

פון ביכער־פּרעמיעס פאר דעצעמבער

# זאָל דאָס שוין אמאָל ערלעדיגט ווערען!

מיר ווילען איצט בשום אופן נישט ווידער בערירען די אָנגעהעטעטעסטע פראגע, וועגען דער היגער גערמאַנער-פערמע, מיר ווילען נישט איבערקײַען און ווידערהאָלען די אומצעהליגע גערעכטע און מילחמות אפשר אומגערעכטע טענות און פּרעטענזיעס וואָס מען האָט צו דער קהלה-פערוואַלטונג וועלכע האָט די דאָזיגע אזוי וויכטיגע אינסטיטוציע צוגעפיהרט צו איהר איצטיגען קאַטאַסטראָפאַלען מצב.

מיר נעמען נישט ערנסט די פאַרוואַרפען וואָס ווערען אונז טאָג-טעגליך געמאַכט פאַרוואָס מיר שווייגען, פאַרוואָס מיר רעאַגירען נישט אויפ'ן שאַרפסטען אויפן נעגען דער אונאָרדנונג וואָס הערשט אין דעם דאָזיגען יודישען אנשטאַלט און די אונערהערטע בעציהונג פון דעם נישט-יודישען לעהרער צו די יודישע שילער.

און דאָס איז דערפאַר ווײַל מיר האַלטען אז די זאַך איז ערלעדיגט; די קהלה-פערוואַלטונג איז געקומען און געזאָגט: הינאָטאָס! מיר זענען שולדיג, מיר האָבען נישט ווי געהעריג געפלעגט און אָבגעהיטען די דאָזיגע אינסטיטוציע, ווײַל מיר זענען נישט פעהיג דאַצו, און מיר האָבען נישט קײן מיטלען. מיר קענען די קאָלאָסאַלע סומע וואָס איז צו דעם צוועק נויטיג, בשום אופן נישט אויפשטעלען און דאָבײַ האָט זי צוגעגעבען אז די מיטעלשטאַנדיגע יודישע קהלה דאַרף אײגענטליך נישט טראָגען אויף איהרע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון אַזאַ אנשטאַלט וואָס איז געשאַפען נישט פאַר היגע יודען, נאָר פאַר'ן גאַנצען פּױלישען יודענטום, און דאָרובער.. מוז מען דאָס אַרויפנעמען פון דער האַנד, מוז מען איבערגעבען די לײַטונג פון דער דאָזיגער שולע די וועלכע זענען צו דעם בערופען, און בעזיצען די נויטיגע קוואַליפיקאַציעס און די נויטיגע געלד-מיטלען צו דעם צוועק.

און מען האָט בעשלאָסען איבערצוגעבען די לײַטונג פון דער גערמאַנער פערמע דער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר" און אוילען.

נישט אלע זענען מיט דעם געווען צופרידען, אָבער יעדער האָט געפיהלט און געזעהען בחוש אז קײן אַנדערער אויסוועג איז נישט פאַרהאַנען, און קײנער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט נעמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקײט צו צושטערען דעם דאָזיגען אײנציגען און מעגליך אויך בעסערען אויסוועג.

אלע האָבען געהאָפט אז מיט דעם שטעלט מען א גרויסען שטרײַך אונטער דער ביז-יעצטיגער פיהרונג, אז מיט דעם וועט מען פערגעסען אלץ וואָס ס'איז ביז איצט געווען, און פון הײַנט אָן וועט אלעס שוין זײַן גוט.

אזוי איז שוין אַוועק א געהעריגע צײַט זינט דער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען, און קײן רעאַלעס קײן ממשות'דיגעס איז און דער זאַך נאָך נישט פאָרגעקומען — דער בעשלוס איז געבליבען פּראָוויזאָריש אויפ'ן פּאַפּיר, און אויסער אײניגע קאָרעספּאָנדענצען איז מען קײן שריט ווײַטער נישט געגאַנגען.

די פערוואַלטונג, דאַכט זיך, האָט אָבגעפּאַסט אז מיט יעדען טאָג ווערט די פערמע מעהר פערנאַכלעסיגט, אז מיט יעדער שעה געהט זי אלץ צוריק און צוריק, אז די אָרדנונג ווערט דאָס מעהר אלץ ערגער, און פאַרוואָס ווערען נישט אָנגענומען די נויטיגע ענערגישע שריט אז די זאַך זאָל ענדגילטיג ערלעדיגט ווערען.

עס איז דער פליכט פון דער קהלה-פערוואַלטונג דעם אויבענדערמאָנטען בעשלוס וואָס שנעלער אדורכצופיהרען, זאָל די דאָזיגע פּראָבע געמאַכט ווערען, און זאָלען שוין אײַנמאָל אויפהערען די גרויסע און ווילדע טענות וואָס מען האָט צו דער היגער גערמאַנער פערמע.

י. פ.

# די זיצונג פון שטאדט-ראט.

די זיצונג איז פאָרגעקומען אונטער'ן צײַכען פון די וואַהלען פון א וויצע-פּרעזידענט, אזוי ווי דאָס פריהערדיגע מאָהל האָבען דאַסמאָהל די פּױלעמאַה-ליגע פּראָבען פון וועהלען נישט געגעבען קײן שום קאָנקרעטען רעזולטאַט.

די חבלי-לידה פונ'ם וויצע-פּרעזידענט זענען געווען זעהר שווערע, עס האָבען נישט נע'פּועל'ט נישט די רעדעס פון אײן צד און צווייטען צד — די לעצטע פּראָבען האָבען ווידער צו גאָרנישט דערפיהרט — און קײן וויצע-פּרעזידענט איז נישט אויסגעוועהלט געוואָרען.

סוף כל סוף האָט דער ענין געמוזט אָבגעלעגט ווערען ביז אַגענט-שפּרעכענדען מאָמענט.

דאָס אײנציגע פּאָזיטיווע וואָס די זיצונג האָט געגעבען זענען געווען די וואַהלען פון לאַווניקעס, בעת וועלכע עס איז אלס יודישער לאַווניק אויסגעוועהלט געוואָרען ה' פ. שפּירא.

די געוועהנליכע, 7 מיט 15 מינוט עפענט דער פאָרזיצענדער ה' בונמסקי די זיצונג און מעלדעט, אז אויפ'ן ערשטען פונקט פון טאָג-אָרדנונג געפינט זיך דער וואַהל פון א וויצע-פּרעזידענט.

עס ווערען די רעכטענער צוטײַלט די וואַהל-צעטלען און עס ווערען אדורכגעפיהרט (נאָך דעם פריהיגען 6 מאָליגען וועהלען אויף דער פערגאַנגענער זיצונג) נײַע וואַהלען. דער רעזולטאַט אין דאָסמאָל דער זעלבער וואָס אויף דער פריהעריגער זיצונג: דוובאַ 16 שטימען, דר. נאַחאַק 15, סאָלדראַחאָסקי 9 שטימען.

דער אויסגאַנג פון די וואַהלען האָט ווידער אַלעמען געשטעלט פאַר דעם טויטען-פונקט פונ'ם וואַהל פון וויצע-פּרעזידענט.

דער פאָרזיצענדער פּערטעראַנט דאַן נאָכאַמאָל נײַע וואַהלען, וועלכע ברענגען אָבער אויפּסנײַ דעם זעלבען רעזולטאַט.

צוליעב דעם וואָס דאָס ווײַטערדיגע פיהרען די וואַהלען וואָלט צו גאָרנישט דערפיהרט זענען געוואָרען אײַנגעטראָגען צוויי דרינגענדע פאַרשלאַגען:

אײנער פון די פ. פּ. ס. וועלכע לעגט פאָר, אז דער מאַגיסטראַט זאָל פערעפענטליכען א קאָנקורס אויף דעם אַמט פון וויצע-פּרעזידענט און א צווײטער פאַרשלאַג פון די כאַדעקעס וועלכע האָבען פערעפענטליכט, אז אזוי ווי די וואַהלען דערפיהרען נישט צו קײן שום רעזולטאַט און אזוי ווי מיט אײניגע יאהר צוריק איז דער היגער מאַגיסטראַט געווען מעטינג אָהן וויצע-פּרעזידענט, דאַריבער זאָל מען דעם ענין דערווײַל לאָזען אָפען און גלײַכצײַטיג צושטעמען צו דער דעמערדיגער אַרבײַט און טאָג-אָרדנונג.

דעם דאָזיגען פאַרשלאַג פערטיידיגט ערח. גאַחראָנסקי, וועלכער הײַנט אויך אָן אז צוליעב שפּאָרזאַמקײַט דאַרף מען דערווײַל קײן וויצע-פּרעזידענט נישט צו וועהלען.

נעגען די דאָזיגע אויספיהרונגען טרעט אַרויס דר. בראַס, וועלכער האַלט אז בײַ אזא ענין קען מען נישט קומען צו נעהן מיט קײן שפּאָרזאַמקײַט, ווײַל שפּאָרזאַמקײַט און אויסבעסערונג דאַרף מען אין דער ערשטער רײַהע זוכען דורך אָנגעשטרענגטע אַרבײַט, צו וועלכער עס קען מאַקע נויטיג זײַן און מיטהעלפען א וויצע-פּרעזידענט.

דאַן רעדט ר' חלאַשינסקי, וועלכער הײַנט אָן אז צוליעב דער פּאַרטײַאָנישער פּאָליטיק, וועלכע ווערט געפיהרט אין שטאָדט-ראָט און נישט נעמענדיג אין אכט די רײַן-ווירטשאַפטליכע פראַגען, דאַריבער שטעהען מיר איצטער פאַר אזאַלכע רעזולטאַטען פון די וואַהלען פון וויצע-פּרעזידענט.

דאַן ווערען געשטעלט צו דער אָבשטימונג בײדע פאַרשלאַגען. מען זאָל נישט וועהלען דערווײַל קײן פּרעזידענט און זאָלען קאָנקורס אויף א פּרעזידענט. בײדע פאַרשלאַגען ווערען מיט א מעהרהײַט שטימען אָבגעוואָרפען.

צוליעב דעם לעגט דער פאָרזיצענדער פאָר דאָס לעצטע מאָהל נאָכאַמאָהל אָבצושטימען, אָבער אויך די דאָזיגע אָבשטימונג גיט דעם זעלבען רעזולטאַט וואָס פריהער.

און צום סוף איז דער פאָרזיצענדער נעגנויט די וואַהלען פונ'ם וויצע-פּרעזידענט אָבצולעגען און מען טרעט צו צו וועהלען לאַווניקעס און בעזונדערע קאָמיסיעס.

צו די וואַהלען אויף לאַווניקעס ווערען אַרײַנגעטראָגען 3 ליסטעס, ליסטע נומער 1 פון דער יודישער קאָלאָ וועלכע האָט בעקומען 8 שטימען און עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען ה' פ. שפּירא.

ליסטע נומער 2 — סאָציאַל סטישע, וועלכע האָט בעקומען 14 שטימען אין אויסגעוועהלט איז געוואָרען דער נאָוו. וויצע-פּרעזידענט דוובאַ און דער לאַווניק פון דער פּיעטראָקאָווער פינאַנץ אָבטײלונג ה' סטעפאַן נאַחעקאַחסקי און ליסטע נומער 3 פון די כאַדעקעס און קאַטאָליקען פון וועלכער עס זענען אויסגעוועהלט געוואָרען ה' היענצלאַחסקי און בראָקסאָמאַ.

די וואַהלען צו די קאָמיסיעס האָבען געגעבען פאָלגענדען רעזולטאַט:

אין דער ווירטשאַפטס-קאָמיסיע: ד"ר גײַסלער, סטאַניאַס, גאַחראָנסקי, בראָזאָנסטעק און פּאַראַדאַחסקי.

עלעקטראָטעכניש-קאָמיסיע — מ. גוידעלד, שלעזינגער, שצעפּנגי, וויטקאָשעווסקי, בראָזאָוויטש.

אינוועסטיציע-קאָמיסיע — ח. וועקסלער, קאַוויטערמשיק, דזובעק און יאַנישעווסקי.

בילדונגס-קאָמיסיע — ד"ר גײַסלער, פעדערמאַן, סאָלדראַחסקי, שצעפּנגי, קאָושיצקי.

פינאַנס און בודזשעט — מ. גוידעלד, חוינאַצקי, קאַרדיני, פורמאַנטשיק און יאַנישעווסקי.

געזעלשאַפטליכע אויפזיכט — ש. גאָלדשטײַן, פּאַרנאַחסקי, מאַלאַר, דאָמינסקי, סאָלדראַחסקי, פּלוטאַ.

קאַנאַליזאַציע און וואַסערלײַטונג — ד"ר בראַס, שלעזינגער, חוינאַצקי, חלאַשינסקי, גאַחראָנסקי.

שפּיטאַל - קאָמיסיע — ד"ר בראַס, שיזעראָווסקי, חלאַשינסקי, בראָזאָנסטעק און פּאַרנאַחסקי.

רעוויזיאָנס - קאָמיסיע — ש. גאָלדשטײַן, קערמאַס, חוינאַצקי, גאַחראָנסקי און יאַנישעווסקי.

רעגולאַטאָר-קאָמיסיע — פיליפּאַחוויטש, פעדערמאַן, קערמאַס, גאַחראָנסקי און זאַחאַדסקי.

שפּאָרזאַמקײַטס - קאָמיסיע — י. מ. קרעל, שלעזינגער, אַפּאַבקאַ, זיוואַדסקי, רזובעק.

קולטור - אַרטיסטישע קאָמיסיע — ד"ר גײַסלער, לעדערמאַן, פּאַרנאַחסקי, שיזעראָווסקי, גאַחאַזײַסקי.

קאָמיטעט פון אנדערצויען די שטאָדט — ח וועקסלער, פיליפּאַחוויטש, גאָלדבערג, פעדערמאַן, דאָמינסקי, לעשניעווסקי, פורמאַנטשיק, קאַלוזשאַ, סאָלדראַחסקי, סטאַניאַס, קאַרדיני, חילקעווסקי.

רעטונגס - קאָמיטעט פאַר אַרבײַטסלאָזע — גאָלדבערג, בראָזאָוויטש, פּעראַדאַחסקי, קאַרדיני, פּלוטאַ.

אַרטיגער שול-ראַט — ד"ר בראַס, פעדערמאַן, קאַוויטערטשאַק, סאָלדראַחסקי, פערטרעטער: י. מ. קרעל.

און קרײַז-ראַט — פּראָפ. קאָושיצקי.

האַנדווערקסקאַמער - ראַט — מרעזעם בוגײַסקי.

בלוט = שטורק, האַרץ-קלעמעניש, שווער אָטעמען, מורא - געפיהל, נערוועז - רײַצבאַרקײַט, פּוגרענץ, נידערשלאָגען, שלאָפלאָזיקײט קענען דורכ'ן געברויך פונ'ם נאַטירליכען „פראַנץ-יאָזעף" ביטערוואַסער באַלד בעזײַטיגט ווערען. הויפּט-שאַפטליכע פעסטשטעלונגען בעקרעפטיגען, אז דאָס וואַסער Franciszka Józefa בײַ פערשטאָפּונגס-צושטאַנדען אלערארט מיט'ן בעסטען ערפאָלג דינט. צו בעקומען אין אלע אַפּטײקען.

# (9 יודישע טעכטער.

ריהרענדע היסטאָרישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין ענגלאַנד אין 12-טען יאָהרהונדערט אין דער צײַט פון די קרײַץ-צוגען.

יודיש דורך י. געלזאָהן.

(פאָרזעצונג)

6.

און אלע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט לאָנדאָן האָט געטומעלט פון מענשען וועלכע זענען געהן יום-טוב'דיג געקלײַדעט, און אלע האָבען געצויגען צום הויפּטמעגאַסער פאַלאַץ, צו דער קאַטעדראַלע, וואו עס דאַרף פאָרקומען דאָס פײַערליכע קרוינען דעם קעניג ריכאַרד.

דער המון איז פון מינוט צו מינוט גרעסער געוואָרען, און דאָס געדראַנג איז געווען זעהר גרויס, אז קײנער האָט זיך פון אָרט נישט געקענט ריהרען, איבערהויפּט איז דאָס געדראַנג געווען שרעקליך אין די הויפּט-גאַסען אַרום דעם קעניגליכען פאַלאַץ, וואו די צערעמאָניע דאַרף פאָרקומען.

דאָרט האָבען זיך אויך געפונען פיעל אויסוואַנדערער פון דעם געמײַנעם פעבעל וואָס די גרויסע שטאָדט האָט פערמאָגט, און צווישען זײ האָט מען אויך געקענט בעמערקען די אלטע דינסט פון ברוך'ן וועלכע איז געשטאַנען אין מיטען און געשטופּט מער און שאַקעל אויף די פערשעלטע יודען.

מען האָט זײ נישט דערלויבט די פערפלוכטע יודען — האָט זי געזאָגט צו זעהן אונזער יום טוב, זײ מוזען זיצען אינדערהײם, א שעהנע זאַך אויף זײ.

אָבער איך האָב דאָך געזעהען דײַן הער ברוך מיט זײַן לאַנגער באָרד אַרויסקוקען דורך א ווײַטע פענסטער פון פאַלאַץ — האָט א צווײטער געזאָגט.

יאָ, זײ די דאָזיגע יודיעס האָט דער מיניסטער סאָלומבירי ספּעציעל דערלויבט אַרויסצוקוקען דורכ'ן פענסטער — האָט די דינסט געזאָגט — און מײַן הער מיט זײַן פרײַנד יותם און זײַן טאָכטער מלכה זענען הײַנט נאָך פריה אַוועק אין פאַלאַץ.

אַ קורצע צײַט האָבען די בולוגאַנען צווישען זיך פריהליך גערעדט און געשאַלטען די יודען, האָלטענדיג אז באַלד וועלען זײ האָבען די געלעגענהײַט זיך אין די יודען נוקם צו זײַן, אָבער דאָס בלאָזען פון טרומייטען האָט זיך געהערט אלס צײכען אז דער גאַסען-צוג קומט אָן, האָט זײַער שמועס איבערגעריסען.

אלע גלאָקען האָבען אָנגעהויבען קלינגען, די מוזיק האָט פערהילכט, באַלד איז אָנגעקומען דאָס קעניגליכע מיליטער אין זײַער פײַערליכען פּאַראַד, און נאָך זײ האָט זיך געצויגען דער גאַנצער פײַערליכער צוג, וועלכער איז געגאַנגען צו דער קאַטעדראַלע.

דער מיניסטער סאַלופבורי האָט געטראָגען די קעניגליכע קרוין אין מיטען דעם צוג. נאָך איהם דער קעניג מיט זײַן פרויטע אַרום אלע פּרינס-פאַרען און קאַמערהערען און פרויען, די מוזיק האָט געשפּילט, און דער גרויסער המון האָט אונאויפהערליך געיובעלט און אפּלאָדירט.

צוקומענדיג צו דער קאַטעדראַלע האָט דער גרעסטער ביסקופּ אַדורכגעפיהרט די הײליגע צערעמאָניע, געהאַלטען פריהער נײַעם קעניג א פײַערליכע רעדע, דאַן ער איז געשטאַנען אונטער א חופה מיט א גרויסע צאָהל גײַסטליכע אַרום, און נאָכדעם ווי דער קעניג האָט אָבגעגעבען זײַן פײַערליכע שבועה, האָט מען איהם אָנגעטהון די קרוין, און געזאַלבט מיט אײל, דאַמאָלס האָט דער גאַנצער המון אַנגעפאַלען אויף דער ערד און אלע האָבען מיט א מעכטיגער שטים אויסגערופען: עס לעבע אונזער קעניג ריכאַרד!

די צערעמאָניע האָט נאָך א געהעריגע צײַט געדויערט, די גרויסע מאַסע האָט נישט אויפגעהערט צו יובעלען און אַפּלאָדירען, אָבער באַלד האָט דער צוג גערוקט פון אָרט און דער קעניג מיט דער מוזיק אין דער מיטען איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צום קעניגליכען פאַלאַץ.

ווען דער פײַערליכער צוג איז צוגעקומען נאָהענט צום פאַלאַץ, בעת ווען דער קעניג איז געגאַנגען פון פאָרענט האָט זיך פלוצים דערהערט פון אויבערשטען שטאָק פון פאַלאַץ א שרעקליך הערצרײַסענדער פרויען - געשרײ, וועלכעס די נאָהנטע האָבען געהערט טראָץ דעם גרויסען טומעל, און ווען זײ האָבען געקוקט אַרויף צום פענסטער האָבען זײ געזעהען ווי א יוד מיט א לאַנגער באָרד קוקט אַרום דורכ'ן פענסטער.

אָבער דער יובעל געשרײען פון דער מאַסע האָבען פערהילכט, און ווען דער קעניג איז אַרײַן אין פאַלאַץ האָט דער המון געדונערט מיט אויסרופען: עס לעבע דער קעניג!

מלכה מיט איהר פאָטער יותם, ברוך און דון אבודיאַל זענען ווירקליך געווען אין אײנעם פון די צימערן פון קעניגליכען פאַלאַץ. מלכה איז ספּעציעל געקומען אהין מיט דער האָפנונג צווישען דעם המון צו זעהן איהר מאָרדאַנט'ן, אָבער בעת דער צוג איז אַרויס פון פאַלאַץ צו דער פײַערונג זענען אלע געגאַנגען מיט די פּנים ער אַוועק, און זי האָט זײַער פּנים נישט געזעהען, דאַריבער האָט זי געוואַרט מיט דעם גרעסטען אומגעדולד ביז דער צוג וועט זיך צוריקקעהרען צום פאַלאַץ כדי זי זאָל קענען זעהן זײַער, און זועלען מאָרדאַנט'ן. און דאַמאָלס האָט זי ווירקליך געזעהען איהר געליבטען אָנגעטהאָן אין דער קעניגליכער קרוין, אונטער דער חופה, און זי האָט דאָס אַרויסגעלאָזט דאָס הארצרײַסענדע געשרײ, און איז געפאַלען חלשות.

אלע זענען דערשראָקען געוואָרען פון איהר פערצווייפעלטען געשרײ, און ברוך האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער צו זעהען וואָס עס איז געשעהען די סבה פון מלכה'ס שרעק.

דער המון האָט שפּעטער ערשט אָנגעהויבען פערטראַכטען זיך פון וואַנען עס האָט זיך גענומען א פערצווייפעלט געשרײ אין קעניגליכען פאַלאַץ בעת דער דאָזיגער גרויסער פײַער-פײַערונג, און זעהענדיג ברוכ'ן מיט זײַן לאַנגער באָרד אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער, האָבען זײ געזאָגט אז די יודען האָבען זיך אַרײַנגעכאַפּט אין פאַלאַץ צו מאַכען א אַטענטאַט אויפ'ן קעניג.

די דאָזיגע שרעקליכע שמועה האָט זיך בליץ-שנעל פערשפּרײט צווישען דעם גרויסען פריהליכען המון, וועלכער האָט זיך שרעקליך אָנגעצונדען, די שנאה צו יודען וואָס האָט שטענדיג געשלאָגען אין זײַער האַרץ, האָט איצט געפונען דעם ריכטיגען אויסדרוק, און ווען ברוך, יותם און דון יוסף האָבען זיך מיט אלע כחות געמיהט צו ראַטעווען די אונמאַכטיגע מלכה, איז אײנער פון די הויף דינער אַרײַן צו זײ און צוזאָמער יעהר דערשראָקען און געזאָגט אז זײ זאָלען זעהען וואָס שנעלער פון דאַנען אַוועק ווײַל די מאַסע וויל זיך אַרײַנרײַסען אין פאַלאַץ און זײ אומברענגען.

מלכה האָט אויפגעהערט פון איהר חלשות, און די הויף דינער האָבען זײ אָנגעוויזען א געהײמען וועג ווי אַרום זײ וואָלטען קענען אומגעשטערט פון דער מאַסע אַרויסקומען פון פאַלאַץ.

אָבער די נאָר זײ זענען אַרויסגעקומען אויפ'ן גאַס האָט מלכה'ן דערקענט אײן גירדערערעלפיגער פערשוין, וועלכער איז געווען נישט קײן אַנדערער ווי דער וואָס האָט זי געוואָלט שלאָגען אין דעם טאָג ווען מאָרדאַנט אדער דער קעניג ריכאַרד, האָט זי פון זײַנע הענד געראַטעוועט, און איהם האָט נאָך ביז'ן הײַנטיגען טאָג פערדראָסען אויף די קלעפּ וואָס מאָרדאַנט האָט איהם דאַמאָלס געגעבען.

דאָס איז דאָך די זעלבע יודין וואָס איז דאַמאָלס פון מײַנע הענד ענטלאָפען איצט לאָז איך זי נישט אָב — האָט דער בולוגאַן געשריגען — קומט דאָס זענען די יודען די פערשוועהרער, וואָס האָבען געוואָלט אומברענגען אונזער קעניג.

די שרעקליך צובושעוועטע טויזענד-קעפּיגע מאַסע האָט זיך פערזאַמעלט אַרום די אומגליקליכע יודען וועלכע האָבען זיך געפונען אין דעם גרעסטען געפאַהר.

(פאָרטז. קומט).

# וועגען קאמף געגען אנאלפאבעטיזם.

איך וויל נישט נאָכמאָל בעריהרען די פון שטענדיג אָנגעהעהטענעם פראַגען פון אונזער קולטור - ארבײַט אין טשענסטאָכאָוו.

איך וויל נישט אויך ווידער בע-האַנדלען און טאַדלען אונזער קולטור-לאָזונגען, אזוי ווי דאָס איז שוין פיעל מאָהל געטהון געוואָרען אויף די שפאַל-טען פון דער וואָכענדיגער צײַטונג און דאָס עס וועט נאָך פיעל מאָהל געטהון ווערען.

איך וויל איצט בעריהרען א פראַגע וואָס מוז אינטערעסירען אַלע קרײַזען פון דער היגער יודישער געזעלשאַפט.

ווי געזאָגט ווערט זעהר ווייניג וואָס געטהון בײַ אונז אין טשענסטאָכאָוו אויפ'ן געביעט פון קולטור-ארבײַט. עס ווערען נישט פערהאַן קײַן שום קולטור-געזעלשאַפטען, קײַן אָוונד-קורסען און קײַן שום קולטור - אונטערנעהמונגען ווערען דורך קײַנעם נישט אונטערנע-מען.

אָבער ווען עס איז קײַן קולטור-טע-טיגקײַט נישט פערהאַן — דאַרף דאָך לכל הפחות געזאָרגט ווערען פאַר דער עלעמענטאַרער מענשליכער בילדונג, דאַרף דאָך ווענינסטענס געפיהרט ווע-רען א קאַמף געגען אַנאַלפאַבעטיזם.

פערשידענע קאַמפען ווערען בײַ אונז לעצטענ'ס דורכגעפיהרט, מיר האָבען פערענדיגט א שטאָדט-ראַט-קאַמפּאַניע, געפיהרט שאַרפע און פער-ביסענע קאַמפען מיט אונזערע שונאים און צווישען זיך אַלײן און מען שטעהען מיר ערב נײַע קהל-קאַמפען, אונזע-רע הויער חיכטונג, צוליעב די בעפאָר-שטעהענדע סײַם-וואַהלען.

אָבער אין אײַנעם פון די וויכטיגס-טע אויפגאַבען, וואָס העלט און וועלט רעוואָלוציאָנען נעהמט א גרויסע בעדײַ-טונג פאַר אונזערע און פאַר - מענשליכע אין שטענדיגע קאַמפען, וועלכע מיר פיהרען פאַר אונזער עקזיסטענץ, האָט מען אינגאַנצען בײַ אונז פערגעסען.

ווען די פוילישע מלוכה האָט אָנגע-הויבען צו זײַן טעטיג אויפ'ן געביעט פון קולטור און געזעלשאַפטליכע אַר-בײַט איז אײַנע פון די גרעסטע זאָרג געווען די פראַגע וועגען קאַמף מיט אַנאַלפאַבעטיזם, מיט דער אונוויסענ-הײַט, דאָס איז גענומען געוואָרען אַלס אײַנע פון די וויכטיגסטע מלוכה-פּראָ-בלעמען, וועלכע מען דאַרף לעזען.

יעדער אײַנער פון אונז פערשטעהט שוין איצט, אז די מאָדערנע אײַראָ-פּעאישע מלוכה ווערט געגרינדעט און געשטיצט פון דעם בעוואוסטזײַן און ווילען פון די בירגער — אזוי וועלעס הײַסען — און אויב עס איז אין דער ווירקליכקײַט נישט אינגאַנצען אזוי איז עס דערפאַר ווײַל גרויסע טײַלען פון פאָלק זענען נאָך נישט צוגעקומען צו דער מדרגה פון קאָנען האָבען א דעה און דערצו אַנ'אויפגעקלערטע, איבער זיך אַלײן, עס איז דערפאַר, ווײַל אויפ'ן חשבון פון דער אונוויסענהײַט פון גרוי-סע פאָלקס - טײַלען שפּיעלען שטענדיג געוויסע גרופּען און די וואָס קענען עס בעסער און געלונגענער אויסנוצען, נו-צען אויס די דזשונגע אונוויסענדע פאַר זײַערע צוועקען.

און דער מקור פון דעם אַלעמען ליגט, ווי געזאָגט, אין דער אונוויסענ-הײַט פון מאַנכע טײַלען פון פאָלק וואָ-רום נישט ווייסען ווי האָבען קײַן מעגליכקײַט זעלבשטשטענדיג זיך אײַנצוזאַמלען פערשידענע ידיעות, צו-ליעב'ן נישט קענען לײַענען און שרײַ-בען און נישט האָבען קײַן צוטריט צום געדרוקטען וואָרט און וועלכען עס קומט צום אויסדרוק אונזער גאַנץ לע-בען און אַלע זײַנע פראַגען און פּראָ-בלעמען.

דאַריבער דאַרף די ערשטע און וויכ-טיגסטע פראַגע זײַן דער קאַמף געגען דער אונוויסענהײַט, אײַגענטליך געגען אַנאַלפאַבעטיזם.

לויט די ציפערען, וואָס זענען לעצ-טענ'ס צונויפגעשטעלט געוואָרען דורך די ראַטו בערופענע סטאַטיסטישע אַמ-טען און אויפ'ן סמך פון דער צעה-לונג, וועלכע איז מיט א יאָהר צוריק פערגעקומען אין גאַנצען לאַנד, געפי-נען זיך אין פוילען 6 און א האַלב מיליאָן אַנאַלפאַבעטען, זעקס און א האַלב מיליאָן מענשען, וועלכע האָבען נישט די מעגליכקײַט אַלײן געהאַט צו הערען וואָס עס קומט פאָר אין דער גאַנצער גרויסער ברײַטער און ווײַטער וועלט. פון דער דאָזיגער צאָהל איז פערהאַן א ציפער פון צירקע דרײַ מי-ליאָן אַנאַלפאַבעטען אין דער עלטער פון 10—30 יאָהר, ד. ה. מעהר ווע-ניגער יוגענדליכע, לויט דער זעלבער סטאַטיסטיק ווערען פערהאַן אין פוילען צוזאַמען 626 טויזענד יודישע אַנאַל-פאַבעטען, וואָס עס הײַסט 25 פּראָ-צענט פון דער גאַנצער יודישער בע-פעלקערונג אין לאַנד.

פון דער דאָזיגער ציפער איז צו זעהען אז א גרויסע צאָהל אַנאַלפאַ-בעטען געפינען זיך בײַ אונז, בײַ דעם אַמאָליגען ‚עם הספר', נעמליך — און דאָס דאַרף ווערען מיט דער גאַנצער ענערגיע בעקעמפט. און אויב עס זע-נען פערהאַן בײַ אונז אין שטאָדט פע-רשידענע קורסען פאַר פוילישע יוגענד און פאַר דערוואַקסענע — מאָ פאַר-וואָס זאָלען נישט אויך קײַן יודישע קורסען געגרינדעט ווערען ? פאַרוואָס זאָל די יודישע יוגענד אויפוואַקסען און ערצויגען ווערען אָהן דער עלעמענטאַ-רער בילדונג, פאַרוואָס זאָלען מיר, די שפּעטער און טרעגער פון דעם בילדונגס- און וויסען-ליכט פאַר דער גאַנצער מענשהײַט בלײַבען הינטערשטעליג.

דערפאַר דאַרף זאָרגען די יודישע קהלה, דערפאַר דאַרפען זאָרגען די יו-דישע ראַטמענער אין שטאָדט - ראַט, דערפאַר דאַרפען זאָרגען און טהון אַלע די יעניגע, וועלכע פערשטעהען די וויכטיגקײַט פון אזא געזעלשאַפטליכע ארבײַט — דאָס דאַרף געטהון ווערען ווײַל דאָס איז אײַנע פון אונזערע וויכ-טיגע אויפגאַבען.

און אויב בײַ אונז אין שטאָדט זע-נען קײַן קולטור-פעראײַנען נישט פער-האַן, מע זאָלען מיר כאָטש אזא עלע-מענטאַר-געזעלשאַפטליכען פליכט ער-פילען און פיהרען דעם קאַמף געגען אַנאַלפאַבעטיזם.

א.

# מיינע זכרונות פון ה.ד. נאָמבערג

ה. ד. נאָמבערג איז שוין דאַמאָלס ווען מיר האָבען געלערנט אין בית המדרש געווען א צויבער-וואָרט, מיר האָבען געלעזען זײַנע אַרטיקלען אין ‚הצופה', וואו ער האָט ענטוויקעלט זײַנע השכלה געדאַנקען אויף א גאַנץ אָריגינעלען אופן. ער האָט שוין דאַ-מאָלס געקרעכצט וועגען שאַפען א אָנגעטראָגען יודישעס לעבען, וועלכעס זאָל זײַן גענומען פון דער יודישער גאַס. נישט אזוי ווי פיעל אַנדערע האָ-בען געוואָלט אז דאָס יודישע לעבען זאָל זײַן א נאָכמאַכונג פון אייראָפּא.

שפּעטער אין די יאָהרען 1905—6 האָבען מיר אים געלעזען אין יודיש, וואו ער האָט בעשאַפען א גאַנץ אײַ-גענאַרטיגען טיפּ פון דעם האַלב אינ-טעליגענטען מענשען וואָס איז הילפ-לאָז אין זײַן אײגענעם לעבען.

פאַר אונז געוועזענע בית - המדרש בחורים, זענען נאָמבערג'ס ווערק גע-ווען א טעמע פון דיסקוסיעס, מיר האָבען דיסקוטירט איבער אַלע זײַנע העלדען, איך געדענק ווי הײַנט, אז זײַן העלד פליגעלמאַן האָט בײַ אונז געפונען עטליכע חסידים, און צוליעב די חלוקי דעות האָבען מיר זיך שיעור נישט צושלאָגען.

אין 1913 האָט נאָמבערג אָנגע-דרוקט זײַן דראַמע ‚די משפּחה', אין דאַמאָלסדיגען חודש-בלאַט ‚דאָס יו-דישע לעבען'. אונזער דראַמאַטישער קרײַז האָט שטאַרק געוואָלט די פּיעסע אויפצופיהרען. נאָר דער אויס-ברוך פון דער מלחמה האָט אונזערע פּלענער צושטערט און מיר האָבען זי ערשט אויפגעפיהרט אין יאָהר 1915. אגב האָבען מיר זי צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט אויף דער בינה. ערשט שפּעטער האָט זי אויפגעפיהרט, אויב כ'האָב קײַן טעות נישט, א לובלינער דראַמאַטישער קרײַז, און ערשט אין 18-טען יאָהר האָט זי אויפגעפיהרט די ווילנער טרופּע און אַנדערע.

מיט נאָמבערג'ן האָב איך זיך פּער-זענליך בעקאַנט אין 1918 אין וואַר-שאַווער ליטעראַטען-פאַראײַן. די ער-שטע בעגעגענונג האָט געמאַכט אויף מיר נישט קײַן גוטען אײַנדרוק, וואָרום איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אז א שרײַפטשטעלער, וועלכער קאָן אָנשרײַ-בען אזעלכע ווערק און בעצויבערען טויזענדער לעזער דאַרף זײַן א הויכער ריזענער, מיט א הדרת פנים, און נאָמ-בערג איז געווען א קלײנער געהויקערטער, און איבערהויפּט א שוואַך מענשעלע. איך האָב אָבער באַלד בײַ די ערשטע בעגעגענונגען געפיהלט אז דאָס איז א חכם א יוד א בקי, צינלאָזע צו מענשען, איך האָב אים דערצעהלט אז מיר האָבען די ערשטע אויפגע-פיהרט זײַן ‚משפּחה' און אָנשטאָט צו פאָדערען האָנאָראַריום האָט ער זיך אויפגערעגט ווי אזוי די זאַך איז אויפגעפיהרט געוואָרען. ווי אזוי מען האָט פאָרגעשטעלט זײַנע העלדען, פון דאַמאָלס אָן האָב איך זיך בעמיהט צו זײַן נעהנט צו זײַן סביבה, און גאַנצע וואָכען און חדשים האָב איך געהאַט די זכייה צו הערען זײַנע לאַנגע קלוגע רייד וועגען אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבען זיך אין יענע יאָהרען אויפגע-רוקט אויף דער אויבערפלעך.

אָנהויב 19-טען יאָהר זענען מיר גע-קומען וועהלען צום וואַרשאַווער שטאָדט-ראַט. נאָמבערג איז דאַמאָלס געווען דער פיהרער פון דער פאָלקס-פּאַרטײַ, און גלײַכצײַטיג פאָרזיצער כמעט אויף אַלע מיטינגען וואָס זײַן פּאַרטײַ האָט אײַנגעאָרדענט. פּונקט האָט דער צופאַל געוואָלט אז מײַן פּאַרטײַ האָט מיך געשיקט אָפּאָ-נירען אויף די פאָלקיסטישע מיטינגען, ווי נאָמבערג איז געווען פאָרזיצער און יעדעס מאָל האָב איך בעקומען דאָס וואָרט נאָך א ציוניסט.

אויף מײַן פראַגע פאַרוואָס ער גיט מיר דאָס וואָרט נאָך א ציוניסט און נישט לויט די רײַהע האָט נאָמבערג ערקלערט גאַנץ אָפען: אזוי ווי עס רעדט פאַר מיר א ציוניסט פון איך און די 15 מינוט וואָס איך האָב צײַט צו אָפּאָנירען קריטיקירען פון פאָרי-גען רעדנער, בעקומט א 8 מינוט, בלײַבט מיר מעהר נישט איבער ווי 7 מינוט אָנצופאַלען אויף די פאָלקיסטען.. און איהם טהו איך א טובה וואָס איך פערשפּאָר איהם ארבײַט.

אַפטמאָל האָב איך זיך בעגעגענט מיט נאָמבערג'ן אין דעמבלין, ווי מיר האָבען בײַדע געוואַרט אויפ'ן צוג וואָס געהט אָב קײַן וואַרשאַ, דאָס וועטער איז געווען א שלעכטס און נאָמבערג האָט זיך געפיהלט שלעכט. מיר זע-נען געזעסען אויפ'ן וואָקזאַל און זיך דערוואַרעמט מיט א גלעזעל טײ, און געשמועסט וועגען פערשידע-נע ענינים, אין דעם האָב איך בע-מערקט ווי אויפ'ן וואָקזאַל זענען פער-האַן א גרופּע יודישע יונגע לײַט פון פערשידענע שטעדט און שטעטלעך, בין איך צוגעגאַנגען צו זײַ און גע-זאָגט: יונגע לײַט וויסט איהר אז אויפ'ן וואָקזאַל געפינט זיך ה. ד. נאָמבערג, די יונגע לײַט זענען אויפ-געציטערט געוואָרען און אַלע מיט אײַן קול האָבען אויסגעשריגען: וואו איז ער? איך האָב זײַ אָנגעוויזען דעם פּלאַץ און אַלע האָבען זיך הענדום פענדום געלאָזט צו נאָמבערג'ן און האָבען מיט א יראת הכבוד איהם געגעבען שלום. איך בין געשטאַנען פונדערווײַטענס און זיך צוגעקוקט מיט וואָס פאַר א ענטציקונג די יודישע יוגנעליט נעמט אויף זײַער פאָלקס-דיכטער.

שפּעטער האָט מיר נאָמבערג גע-מאַכט א לײַכטען פאַרוואָרף פאַרוואָס איך האָב איהם געמאַכט דאָס ‚שמוי-קעל', איך וואָלט גערן אז מען לאָזט מיך צופרידען זאָגט ער, דער סוף איז געווען אז ער האָט זיך קוים ארויס-געריסען פון זײַערע הענד און איז אַוועק מיט דער באַהן.

איך האָב געאַרבײַט אין דעם יודי-שען איבערזעצער-עמיגראַציע ביוראָ ווען נאָמבערג איז געפאָהרען קײַן אַרגענ-טינא, איך האָב זיך מיט איהם געזע-גענט און אויסגעדרוקט מײַן פערוואונ-דערונג אז ער וועלכער זעהט אויס צו זײַן א שוואַכער און א קרענקלער האָט נישט מורא זיך לאָזען אין מרחקים, אויף דעם האָט ער געמאַכט א בע-מערקונג, אז ווי ער זאָל נישט פאָה-רען וועט ער אין ערגיץ נישט שטאַר-בען נאָר אין וואַרשע, וועלכע ער האָט ליעב ווי זײַן לעבען.

נאָך יענער רײַזע איז שוין נאָמבערג געווען אין פערשידענע לענדער און מדינות, איז געקומען און געשטאָרבען אין וואַרשע.

געשטאָרבען. נישטאָ מעהר נאָמ-בערג, נישטאָ מעהר דער ליבמינער פּקח, דער שמאַלץ פון אונזער פּובלי-ציסטיק, פון אונזער ליטעראַטור אָבער פאַר די וועלכע האָבען איהם געקענט נאָהענט פאַר די וועלכע האָבען זיך גע-וואַרעמט אין זײַן סביבה וועט ער אייביג לעבען, וועט ער זײַן ווי דער נר תמיד וואָס לעשט זיך קײַנמאָל נישט אויס.

ש. פראַנק.

# וואס געהערט, וואס געזעהען.

## חבל על דאבדין.

די לעצטע טעג האָבען מיר צו פער-צײַכענען גרויסע פערלוסטען. מיר יו-דען האָבען פערלוירען אײַנעם פון אונ-זערע שענסטע זיהן, ז״ה, ה. ד. נאָמבערג.

מיר האָבען נאָכנישט צײַט געהאַט צו בעוויינען דעם ערשטען נפטר איז אָנגעקומען א ידיעה, אז א צווײַטער טאַלאַנטפולער שרײַפטשטעלער אין פּאַ-ריז א. ווידאַר לאַזער איז אויך אַוועק פון דער וועלט און א אומעט בעהערשט אונזער געמיט. א צער, א וועהטאָג בעהערשט אונזער נשמה.

ה. ד. נאָמבערג, אין זײַן קורצען לעבען האָט ער אזוי פיעל געשאַפען פאַר דער נײַער מאָדערנער יודישער קולטור און וויפיעל וואָלט ער נאָך געקאָנט שאַפען, ווען דאָס לעבען וואָלט נישט איבערגעריסען געוואָרען אין מיטען בליהען. א. לײַזעראָוויטש א טאַלאַנטפולער שרײַפטשטעלער, האָט געשאַפען שעהנעס אין דער זשור-נאַל ‚פּסיק', פּלוצים וועט זײַן לעבען אויסגעלאָשען און פינסטערער ווערט אין אונזער אזוי אויך נישט שטאַרק בעלויכטענעם יודישען וועלט.

א שאָד, חבל על דאבדין.

---

אויך די פוילישע גאַס האָט צו פער-צײַכענען די לעצטע טעג פערלוסטען. עס איז געשטאָרבען אײַנער פון די בעגאַבטעסטע פוילישע שרײַפטשטעלער און דראַמאַטורגען, סט. פּשיבישעווסקי. דער עיקר איז, אז אַלע דרײַ, האָבען נישט איבערגעלאָזט קײַן גרויסע ירו-שות, ר״ה איבערגעלאָזט האָבען זײַ יא און זעהר גרויסע ירושות, וואָס וועלען בלײַבען אויף דור דורות, אָבער קײַן מאַטעריעלע ירושות האָבען זײַ נישט איבערגעלאָזט. אז מען זאָל זיך קענען פרעהען אויף זײַער טויט און דאַריבער איז טאַקי א שאָד.

## די נײַנטע סימפאָניע.

האָט איהר געהערט שפּיעלען די נײַנטע סימפאָניע פון בעטהאָווען, האָט איהר זיך בעגײַסטערט מיט דער הער-ליכער מוזיק, האָט אײַער נשמה אויפגעהויבען צו די העכסטע הויכקײַ-טען, יאָ, איהר האָט געהאַט די געלע-גענהײַט, דאַן פרעהט זיך, אָבער מקנא בין איך אײַך נישט, וואָרום אויך מיר א גליק צו הערען די נײַנטע סימפאָ-ניע, מיך מעגט איהר יאָ מקנא זײַן, איך האָב די זכיה געהאַט צו זעהען די נײַנטע סימפאָניע.

וואו, פרעגט איהר ? איך קען אײַך זאָגען, אז אין שטאָדט-ראַט, וואו מען האָט דעם שבת אָבענד געשטימט צום נײַנטען מאָהל אויף א וויצע - פּרעזי-דענט און אויך דאָס נײַנטע מאָהל איז געבליבען בײַם אַלטען. עס דאָס איז טאַקע דער אונטערשייד וואָס בײַ בע-טהאָווען, ענטהאַלט יעדע סימפאָניע א אַנדערע מוזיק און אין שטאָדט - ראַט האָבען די נײַן אָבשטימונגען געהאַט דעמזעלבען קלאַנג און די זעלבע רע-זולטאַטען. אָבער זאָל דאָס בלײַבען פערצײַכענט, אז אויף א וויצע-פּרעזי-דענט אין טשענסטאָכאָווער שטאָדט-ראַט איז געשאַפען געוואָרען א צווײַטע אויפלאַגע פון דער נײַנטער סימפאָניע.

בײַ דער געלעגענהײַט וויל איך אײַך מודיע זײַן אז מיר האָבען שוין ענד-ליך נאָך לאַנגע און שווערע לײַדען אויסגעוועהלט א מאַגיסטראַט. אמת, עס האָט פערנומען 3 זיצונגען, דאָס הײַסט, אז מען האָט גע'פּטר'ט גאַנצע 3 וואָכען, נאָר א פאַקט איז אז א מאַ-גיסטראַט האָבען מיר שוין, מיט א אײַגענעם יודישען לאַווניק, א נאַש בראַט, ר' פישל שפּירא הײַסט ער. יאָ, א מאַגיסטראַט האָבען מיר, נאָר אָהן א וויצע-פּרעזידענט.

לויט ווי מען שמועסט וועט אַרויס-געשטעלט ווערען א קאָנקורס. לכן רבותי, גרײַט אײַך צו צום עקזאַמען, וואָרום א פּרעזידענט, א פעלדשער האָבען מיר, מען דאַרף נאָך האָבען א אַקושער און דאָס קינד וואָס הײַסט שטאָדטישע הירשאַפט וועט ענדליך אין א פול'דיגער שעה געבוירען ווע-רען.

## אלט-פרענקיש.

מײַן פרײַנד בעקלאָגט זיך אויף די הײַנטיגע דאַמען וועלכע האָבען נישט מעהר אין זינען נאָר זײַערע דאַנסינגס און טואַלעטען, ראַנדקעס און פלירטס און פערגעסען אז עס געהט צו ווינ-טער, אז הונדערטער יודישע אָרימע-לײַט האָבען נישט אויפ'ן ווינטער קײַן מלבושים.

אַמאָל, פאַר דער מלחמה, האָט אין טשענסטאָכאָוו עקזיסטירט א חברה ‚בגד ללבוש', וואָס האָט גענומען די אויפגעגעבענע צוזאַמענגעזוכטע אַלטע קלײ-דער פון דער פערמעגליכער בעפעל-קערונג און עס צוטײלען די אָרימע. הײַנט האָבען זײַ אין דעם פערגעסען, הײַנט איז אַפשר דאָ א סך וואָס וואָל-טען די אָבגענוצטע מלבושים וועלכע זײַ פערקויפען צו די שאַכערס פאַר א פּאָר גראָשען, מיט פערגעניגען אַוועק-געגעבען אומזיסט פאַר די אָרימע, נאָר די צרה איז, אז עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך מיט דעם פעראינטערעסי-רען, ווער עס זאָל דאָס צוזאַמענזעמלען און מײַן פרײַנד גיסט אויס זײַן גאַנצען כעס אויף די וואוילטעטיגע דאַמען, וועלכע האָבען פערלוירען דאָס אײַ-דעלקײַט, דאָס רחמנות-געפיהל צו די אומגליקליכע אָרימע נאַקעטע.

ער מײַן פרײַנד האָט אָבער א גרוי-סען טעות, ער איז זײַ אומזיסט חושד, זײַ אונזערע דאַמען און פרײַלײַנס טהו-ען עס נישט חס ושלום צוליעב זײַער שלעכטקײַט דערפאַר וואָס זײַ האָבען פערלוירען יעדעס מענשליכע געפיהל. נײַן, זײַ טהוען עס דערפאַר, ווײַל זײַ האַלטען אז בגד ללבוש איז א אַל-טער בעגריף. זײַ ענטהוען זיך און וואָס מעהר דאָס געהער צו דער פער-גאַנגענהײַט. לויט די נײַעסטע מאָדע איז וואָס ווייניגער מען טהוט זיך אָן אַלץ מאָדערנער, אַלץ מעהר אינטע-ליגענטער און פײַנער איז מען, דערי-בער איז וואָס ווייניגער זיך אָנטהוען און ממילא פאַלט אַוועק די פראַגע וועגען דער אַלט - פרענקישער געזעל-שאַפט פון זאָרגען פאַר קלײדונג פאַר די אָרימע, און ממילא האָט שוין מעהר קײַן זין נישט דער געזעלשאַפט בגד ללבוש.

## ביז ס'וועט קומען די נחמה...

אין אונזער צײַטונג האָט זיך גע-דרוקט א אַרטיקעל, וואו די יודישע בעפעלקערונג ווערט אויפגעפאָדערט צו פערזאָרגען די יודישע אָרימע מיט קויהלען אויפ'ן ווינטער. אין דעם אַר-טיקעל ווערט געשילדערט ווי אזוי הונדערטער אומגליקליכע ווערען גע-שטעל'ן פאַר קעלט, און עס מוז זיך דערוועקען דאָס רחמנות געפיהל בײַ דער יודישער בעפעלקערונג און זײַ קומען צו הילף.

יודען זענען דאָך עפּיס רחמנים בני רחמנים, וואָס עס אָנגעריהרט זײַער האַרץ און האָבען אײַנגעזעהען אז זײַ האָבען געטהון שלעכט, האָבען זײַ גע-וואָלט די עולה פערריכטען, נאָר ביגו לבינו האָט זיך אַרויסגעוויזען אז די זאַך האָבען געוואָלט פערזאָרגען און דער הינער רב און אין דער בית לחם.

בײַם רב איז פערגעקומען א זיצונג פון עטליכע כלל-טהוער און פילאַנ-טראָפּען און עס איז געשאַפען געוואָ-רען א קאָמיטעט וואָס זאָל זיך נעמען צום עסק. דערהײַל קומט צו לויפען דער בית-לחם מיט א טענה אז אויף אזעלכען זאַכען האָבען זײַ א חזקה, אז אזוי גוט ווי זײַ פערזאָרגען מיט ברויט, וועלען זײַ אויך פערזאָרגען מיט קויהלען, וואָרום טענה'ן זײַ, ווינטער האָט קויהלען אזא בעדײַטונג ווי ברויט.

דערווײַל קומט פאַר א מבוכה ווער עס זאָל זײַן דער אײַגענטליכער קאָמי-טעט, צי דער רב מיט זײַן קאָמיטעט אָדער דער בית לחם, די אונטערהאַנ-דלונגען קומען פאָר, און ווי מען שמו-עסט וועט אין די נאָהענטסטע וואָכען דער ענין ערלעדיגט ווערען, ד״ה ווער עס האָט דאָס פאַקטישע רעכט די

# וועגען אָנווענדען דעם אַרט. 64 פון שטײַער-געזעץ.

די שטײַער-באַמטען האָבען זיך צוזאַ-מען מיט די שאצונגס-קאָמיסיעס אָפט-מאָל געשטיצט אויפ'ן אַרט. 64 פון געזעץ. אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל איז געזאָגט פאָלגענדעס:

אויב די קאָמיסיע געפינט, אַז די ידיעות, וואָס זי בעזיצט, זײַנען נישט גענוג אויף פעסטצושטעלען די הויך פון דער הכנסה, קאָן זי בעשטימען די אַלגעמיינע אײַנקונפטס, וועלכע אונ-טערליגען די בעשטײַערונג, אויפ'ן סמך פון אויסערליכע סמנים, וואָס ווײַזען אָן אויף די הויז און פערזענליכע אויסגאַבען פון שטײַער-צאָהלער, ווי אויך אויף זײַן אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע. די דאָזיגע אויסערליכע סמנים מוז די קאָמיסיע גענוי אָנווײַזען אין איהר בעשלוס.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מיט'ן אָנשאַ-צען אויפ'ן סמך פון אויסערליכע סמנים דאַרף מען זײַן זעהר פאָרזיכטיג. דאָס קאָן געשעהן נאָר אין פאַל אויב דער לעבענס-אַרט פון'ם שטײַער - צאָהלער וואַרפט זיך באמת אַלעמען אין די אויגען און מ'בעזיצט דאָך נישט קיין בעווײַזען, פון וואַנען ער שעפּט די הכנסה אויף צו דעקען זײַנע גרויסע הוצאות.

אָפטמאָל בערופט זיך אָבער די קאָמיסיע אויף דעם אַרט. 64 אין פאַל ווען א פאַמיליע פון 5—6 פּערזאָנען פערנעהמט א בעשיידענע דירה פון דרײַ צימערן, אָדער אויב עמיצער פון דער פאַמיליע איז געפאָהרען זיך קו-רירען. דערבײַ ווערען בײַם אָנווענדען דעם אַרט. 64 נישט אָנגעוויזען גענוי די אויסערליכע סמנים, אויפ'ן סמך פון וועלכע ס'איז בעשטימט געוואָרען דער צו-הויכער שטײַער. דאָס איז א בפירושע סתירה צום געזעץ.

מ'דאַרף אײנמאָל פאַר אַלעמאָל פער-שטעהן, אַז דאָס פערנעהמען א פּימע-לע וואוינונג איז נאָך נישט קיין לוק-סוס, אַז ס'טרעפען פאַלען, ווען מען פערקויפט דאָס לעצטע קישען אבי זיך אַרויסצוהעלפען פון א שווערער קראַנק-הייט, נישט אַלע מאָל קורירט מען זיך דאָך פון די פערדינסטען. ס'טרעפט דאָך אָפט, אַז א קרענק עסט אויף א גרויס פערמעגען. די מיטגלידער פון די שאצונגס - קאָמיסיעס זײַנען דאָך אַלײן סוחרים אָדער בעלי-מלאכות און זיי קענען דאָך אַביסעל דאָס לעבען. מ'טאָר דעריבער נישט לאָזען אָנווענ-דען אויפ'ן פערלאַנג פון די שטײַער-באַמטען אויף יעדען טריט דעם אַרט. 64. דאָס איז א גליטשיגע וועג, וועלכער קאָן אומגליקליך מאַכען פיעל חנות-פערמעגליכע שטײַער-צאָהלער.

איבערהויפּט ווערט דער אַרט. 64 אָנגעווענדעט צו די פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך אין יאָהר 1926 אײַנגע-קויפט הײַזער אָדער מוליעס. דערבײַ ווילען זיך די שטײַער - אַמטען נישט רעכענען מיט די ערקלערונגען פון די שטײַער-צאָהלער, וועלכע שטעלען מאַ-טעריאַל צו גאַנץ בעגרינדעטע בעווײַזען און די קוועלען פון וואַנען זיי האָבען גענומען דאָס געלד, זיך צו קויפען דאָס הויז אָדער די מוליע.

ס'איז דאָך אײַנגענומען, גאַנץ מעג-ליך, אַז א סוחר, וועלכער מאַכט אין משך פון יאָהר אַן אומזאַץ פון הונ-דערטער טויזענדער זלאָטעס, זאָל בע-שליסען פון געשעפט אין וועלכען ס'ליגט זײַן גאַנצער קאַפּיטאַל, אַרויס-צוציהען א געוויסען סך, כדי זיך צו קויפען א שטיקעל נחלה, אָדער א טײל פון א הויז. יעדער סוחר האָט דאָך די גרויסע מ'שטײַגנס נעזוצט פער-רינגערט פון די הײַנטיגע געשעפטען און ס'איז נאָר קיין וואונדער נישט, וואָס מ'חיל זיך אַביסעל פערזיכערן אויף דער עלטער מיט א אומבאַוועג-ליך אײַנקומען. דאָס איז דאָך אַנ'אַל-געמיינע מירטשאַפטליכע ערשײַנונג. צי קען דען אין אַזעלכע פאַלען אָנגע-ווענדעט ווערען דער אַרטיקעל 64 אין זײַן גאַנצער ברײַטע!

דאָס אָפטע אָנווענדען דעם אַ"ט. 64 קען פיהרען פיעל שטײַער - צאָה-לער צו א רוּאין און דאָס דאַרפען געדענקען די מיטגלידער פון די שאַ-צונגס-קאָמיסיעס.

Co to jest mydło benzolowe

## „BLASKOLIN"?

Oddawna starano się znaleść środek, któryby nadawał mydłu poza jego zwykłemi własnościami usuwania brudu zdolność rozpuszczalną. Wszelkie w tym kierunku robione próby przez dodawanie do mydła terpentyny, benzyny, benzolu, tetrachloru i t. p. nie dawały pożądanych rezultatów. Wszystkie wyżej wymienione substancje ulatniały się bardzo prędko, przez co mydło traciło zdolność rozpuszczania tłuszczów.

Dopiero nowy wynalazek, oparty na ostatnich zdobyczach nauki, dał możność trzymania stałego połączenia mydła z pewnemi składnikami benzolowymi.

Mydło to (zastrzeżone w Urzędzie Patentowym Nr. 7984) nazwaliśmy

**„BLASKOLINEM".**

„BLASKOLIN" łączy w sobie wszystkie zalety najlepszego mydła z czyszczącemi własnościami benzyny.

„BLASKOLIN" pierze i czyści najbardziej zatłuszczone tkaniny i bieliznę.

„BLASKOLIN" pierze i czyści najdelikatniejsze materjały wełniane i jedwabne białe i kolorowe, bez żadnego uszkodzenia tkaniny i koloru.

„BLASKOLIN" posiada specyficzny zapach rozpuszczalników, wchodzących w jego skład; zapach ten jednak nie udziela się wcale pranym tkaninom.

„BLASKOLIN" jest najoszczędniejszem mydłem, 3/4 funta Blaskolinu zastępuje 1 funt najlepszego mydła.

W wypadkach bardzo zatłuszczonej bielizny należy ją namoczyć w gęstych mydlinach Blaskolinu, nazajutrz przeprać zwykłym sposobem mydłem Blaskolin.

**Kto raz spróbuje mydła Blaskolinu, zarzuci na zawsze wszelkie inne środki do prania!**

Wielkopolska Wytw. Chemiczna

**„BLASK"**

Spółka Akcyjna

Poznań-Aleje Marcinkowskiego 5.

# טראַגישער זעלבסטמאָרד פון א מיליאָנער וואָס האָט שיעור נישט חתונה געהאַט מיט זײַן אײ-גענער טאָכטער.

די טראַגישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק... א יונגער, פער'חלומ'טער ישיבה-בחור האָט געגעסען "טעג" בײַ די אָנגעזעהענסטע בעלי-בתים פון פּראָג, האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די שנײַדענדיגע ביטערקײַט פון דעם האָפנונגסלאָזען דלות — און נישט אײנמאָל האָט זיך עס געמאַכט, אַז זיצענדיג בײַ די רײַכע, הרחבת'דיגע טישען פון די גרויסע יודישע נבירים פלעגען זײַנע גרויסע טרויעריגע אויגען גלאַנצען מיט הײַסע טרערען...

די דאָזיגע גרויסע, טרויעריגע אויגען פון דעם פער'חלומ'טען ישיבה-בחור האָבען זיך אין אײן שײַנעם טאָג, נישט ווילענדיג, בעגעגענט פלוצים מיט דעם זיסען פערליבטען בליק פון דעם נביר'ס טעכטערל — און דאָ פּאַקט האָט זיך אַזוי ווי אַלע מאָל, אָנגעהויבען דער אמת'ער ראָמאַן פון דעם פעראַכטע-טען "טעלער-לעקער"...

דער נביר האָט מיט בעזונדער אכזריות אַרויסגעטריבען דעם יונגענטמאַן פון זײַן הויז און האָט איהם דערצו נאָך פער-מסור'ט פאַר דעם ראש ישיבה, וועל-כער האָט איצט גענומען שטרענג אַכ-טונג געבען אויף זײַן התנהגות, גע-וואָגט איהם בעפינען מוסר און איהם געצוואונגען פאַסטען — פון תשובה וועגען אַלע יענע טעג, וועלכע ער פלעגט פריהער עסען בײַם נביר.

אָבער די דאָזיגע תעניתים אין דער מוסר פון'ם ראש ישיבה האָבען פער-שטאַרקט זיך, נישט געהאַט בכח צו דער-שטיקען די געפיהלען פון דעם פער-ליבטען ישיבה-בחור און צו פערלעשען דאָס פײַער, וואָס האָט זיך האָט אַמאָל העלער צופלאַקערט אין זײַן יונגע האַרץ... און בעזונדערס דעם יונגען מיידעל, דעם נביר'ס בת-יחידה וועלכע ס'האָט אַלע מאָל געהאַלטען פאַר א שפּילקע און פרוסט טויב, דאָס האָט איצט אויפגעזען נע-פלערינגען מוט און עקשנות. האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדען פון קײנעם און איז געבליבען געטרײַ איהרע רײַ-נע געפיהלען צו איהר ערשטער ליבע...

אין איין שײַנער נאַכט, ווען דעם נבירישע הויז איז געלעגען פערזונקען אין א טיפען שלאָף, און אויך אין דעם פלאָטען אײַנגעהויקערטען בית - מדרש'ל האָבען שוין אַרומגעשלאָפען און דעם פינסטערע, געלמיינען היל די פּאַנ-דערליכע ליבעמינע חלומות פון די שלאָפענדיגע בלײַכע בחורים, האָבען זיך צוויי יונגע פערליבטע מענשען, שטיל אין גנבה אַרויסגעשפּאַרט פון זײַערע הײַמען, געלאָפען גיך איבער די פינקעלע שלאָפענדיגע געסלעך, געצי-טערט פון שרעק בײַ יעדען שאָרך, בײַ יעדען קריכען פון א נאַכט פויגעל, געלאָפען שוין אַוועק אַלץ ווײַטער און ווײַטער, ביז זיי האָבען איבערגעריסען פון פאַר דערינערונגס א שכנות'דיג דאָרף, פון וואַנען זיי האָבען שוין געקענט אַוועקפאַהרען א ביסעל רוהיגער — לויפען ווײַטער...

דער אָרימער ישיבה-בחור און דעם נביר'ס יונגע טעכטערל זײַנען ענטלאָ-פען שפּעטערהייט קיין דײַטשלאַנד, האָ-בען דאָרט געשטעלט א חופה און זיך געשטאַרקט פעסטע ליבע און גע-טרײַשאַפט...

עטליכע געצײלטע טעג האָט דאָס יונגע פּאָרל געלעבט אין דער פרעמ-דער אומבאַקאַנטע, גליקליך און פול מיט דער זיסער שכרות פון געהײמער ליבע — אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זייער גליק איז פלוצים מיט קאַלטער גרויזאַמקייט געשטערט געוואָרען...

אין זײַער שײַנער ראָמאַנטישער אי-דיליע האָט זיך פלוצים אַרײַנגעריסען דער שרעקליכער טאַטע, דער נביר, וועלכער איז געקומען אָהער אין דער בעגלייטונג פון עטליכע זשאַנדאַרמען פאָליציסטען, כדי צו "בעפרײַען" זײַן טאָכטער און צו אַרעסטירען איהר "פער-פיהרער".

דעם יונגען חתנ'על האָט איצט קיין ברירה געמוזט זיך אומקעהרען צוריק אין דער קאַלטער, אומפעסיגער נבירי-שער הײם, בעת איהר מאַן האָט זיך אײַנגעגעבען אין לעצטען אויגענבליק אַרויסצודרעהען זיך פון די הענט פון דער פּאָליציי און אַנטלויפען...

ער האָט זיך א שטיק צײַט אַרום-געוואַלגערט איבער פערשידענע שטעדט און לענדער, האָט געשריבען פון צײַט צו צײַט געהײמע בריוו פון בענקשאַפט און ליבע צו זײַן יונג ווײַבעל, פון וועלכער מען האָט איהם מיט גע-וואַלד אַוועקגעריסען — אָבער זײַן בעט'ער שטומער, דער נביר, האָט זיך שוין געסטאַרעט מיט אַלע מיטלען אַז די דאָזיגע הײסע ליבעס-בריוו זאָלען זײַן טאָכטער נישט דערגרײכען.

און עטליכע חדשים אַרום, איז דאָס יונגע ווײַבעל געשטאָרבען בײַ א שווע-רער געבורט... דאָס נײַ-געבוירענע מײ-דעלע איז אויפגעהאָדעוועט א דערצוי-גען געוואָרען אין דעם שטרענגען גבי-רישען הויז פון איהר זיידען — א יתומה'לע נאָך דער יונגער געשטאָר-בענער מוטער און נאָך דעם פערלוירע-נעם פאָטער, פון וועלכען מען האָט שוין איצט, נאָכ'ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, גאָרנישט געהערט.

שווערע און ביטערע צײַטען זײַנען איצט געקומען אויף דער יונגער יתומה. דער אַלטער בעזוער ווידע, דער אַמאָ-ליגער נביר איז געשטאָרבען און גוים און עלענד בײַם סוף פון דער מלחמה און די קלײנע ליזאַ האָט איצט געמוזט לײַדען הונגער און קעלט און אַלע אַנ-דערע צרות און יסורים פון די מוראַ-דיגע נאָך מלחמה'דיגע הונגער יאָהרען... פון דער עקזיסטענץ פון איהר פאָטער האָט זי גאָרנישט געוואוסט — און אויך ער, דער רײַכער פאַברי-קאַנט און געוועזענער ישיבה-בחור, וואָס האָט איצט געשוואומען אין געלד אין יאָהאַנעסבורג אַפריקאַ, האָט נישט אָנגעהויבען צו חושדן, אַז ערגיץ אין א הײמער פערגעסענער וועלט, לעבט זײַן קינד, זײַן אײגען פלײש און בלוט, דאָס קינד פון זײַן יונגער ליבע צו דעם אומגליקליכען נביר'ס טעכטערל...

דעם זומער ערשט, עטליכע און צוואַנציג יאָהר נאָך דעם טויט פון זײַן געליבטער פרוי איז ער געקומען קיין פּראָג, כדי צו זײַן אויף איהר קבר... דער אַמאָליגער אויסגעצערטער ישיבה בחור איז דערווײַל געוואָרען א שיי-נער סימפּאַטישער מאַן אין די מיטעלע יאָהרען און זײַנע גרויסע טרויעריגע אויגען האָבען נאָך אַלץ געהאַט דעם טיפען מעלאַנכאָלישען בליק פון זײַנע יונגע בחור'שע יאָהרען...

די דאָזיגע גרויסע טרויעריגע אויגען האָבען מיט עטליכע און צוואַנ-ציג יאָהר צוריק געוואונען דאָס האַרץ פון דעם יונגען גביר'ישען מיידעל, האָבען זיך איצט צופעליג בעגעגענט אין אײנער פון די פּראָגער בענק מיט דעם זיסען, פערבענקטען בליק פון אַנ'אָרעם יודיש מיידעל, צו וועלכער ער האָט זיך פלוצים געפיהלט צוגע-צויגען ווי א מעכטיגען כישוף.

די פריטשע ליזאַ איז געווען א קלײנע בעאַמטין אין א באַנק, עלענד און פערלאָזען ווי נאָר א יתומה — און זי איז געווען פער'שכור'ט פון גליק, ווען דער פרעמדער סימפּאַטישער מאַן האָט איהר דערקלערט, אַז ער וויל מיט איהר חתונה האָבען...

דער רײַכער פאַבריקאַנט פון יאָהאַ-נעסבורג האָט באַלד געשריבען תנאים מיט זײַן יונגער כלה און האָט אָנגע-שמועסט, אין א קורצער צײַט אַרום צו שטעלען א חופה...

אין דעם טאָג פון דער חופה, איז דער געוועזענער ישיבה-בחור געגאַנגען אויפ'ן קבר צו זײַן פרוי, „פערבעטען זי צו דער חתונה" — אָבער ווי דער-שטומט פון א מורא'דיגען דונער איז ער געבליבען שטײן, ווען ער האָט דערזעהען אַז זײַן יונגע כלה ליגט אויף דעם קבר פון זײַן פרוי, און שרײַט מיט האַרצרײַסענדע קולות: „מוטער מוטער'ל!"

ער האָט אין דער רגע דערפיהלט די גאַנצע טיפע שוידערליכקײַט וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט בעטהון אומבאַוואוסטערהייט, נעמענדיג פאַר א פרוי זײַן אײגענע טאָכטער — און שוין איז ער אַנידערגעפאַלען א טוי-טער מיט א דורכגעשאָסענעם האַרץ, לע-בען די צוויי געליבטע פרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַם אָנהויב און בײַם סוף פון זײַן גליק — זײַן ווײַב און זײַן טאָכטער... (ס א נ)

אָרימע לײַט צו פערזאָרגען מיט קוי-לען אויפ'ן ווינטער, און עס וועט אויס-געוועהלט ווערען א געהעריגע קער-פּערשאַפט וואָס וועט פון זיך אויסוועה-לען א קאָמיטעט, דער קאָמיטעט וועט זיך קאָנסטיטואירען, מיט א פּרעזעס, א וויצע, א קאַסירער, א סעקרעטאַר א. ז. וו. שפּעטער וועט דער קאָמיטעט צונויפרופען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג אין ערשטען טערמין, דאַן אין צווייטען טערמין און דאַן וועט זיך אי"ה נעמען צו דער אַרבעט.

זיי אונזערע פילאַנטראָפּען און כלל טוער פערגעסען אָבער אײן זאַך אַז אײדער וואָס ווען, כ'מײן ביז עס וועט קומען צו עפּיס ממשות'דיגעס וועט דערווײַל שוין נישט זײַן צו וועמ'ען. עס איז ריכטיג דאָס שפּריכוואָרט: אַז אײ-דער מען וועט דערלעבען די נחמה וועט פריהער אַרויס די נשמה.

## אונזער קראַנקען - קאַסע איז קראַנק אויף א — יודישע קרענק.

די הײַנטיגע קראַנקען-קאַסע האָט שוין א אַלטע קרענק וואָס האָט א שײַכות צו זײַן קראַנק אויף יודישע ענינים. עס ווערען דאָרט נישט אָנגענו-מען! קיין יודישע אָנגעשטעלטע, די יודישע מיטגלידער ווערען שיקאַנירט אויף שריט און טריט, לעצטענס האָ-בען זיי אויך בעשלאָסען אויסצושפּאָרען די יודישע צײַטונגען, זיי געבען נישט מעהר קיין אָנאָנסען אין דער אײנצי-גער יודישער צײַטונג אין אונזער שטאָדט, מעגען ערשטענס 10 פּוילי-שע צײַטונגען וועלען אַלע בעקומען אַנאָנסען, א אויסנאַהמע ווערט נאָר גע-מאַכט פאַר דער צײַטונג וואָס ערשײַנט אויף יודיש.

עס העלפט נור נעמען כראוי אָנצו-פירענען צי האָט די קראַנקען - קאַסע נישט קיין יודישע מיטגלידער, צי פליסט דען נישט אַרײַן אין דער קאַ-סע שווערע געלדער פון די יודישע מענשען, נו מילא, צו דער קראַנקען-קאַסע קען מען אפשר קיין גרויסע פּרעטענסיע נישט האָבען, דאָרט געהט שוין פון לאַנג אָן א אַנטיסעמיטישער קורס, אויסצומײַדען אַלץ וואָס איז יו-דיש, אויסער יודיש געלד „זעלבסט-פערשטענדליך". מיר איז נור קשה אויף די יודישע פערוואַלטונגס-מיטגלידער, וועלכע האָבען יאָ א דעה צו זאָגען פאַרוואָס רעאַגירען זיי נישט אויף דער אונערהערטער עולה, דאָ איז דאָך א קאָנסטיטוציע ווי מיר יודען זײַנען גלײַכבערעכטיגט מיט אַלע בירגער פון לאַנד, קאָסט דאָך די קראַנקען קאַסע אָן אונזער פערהעלטעניס פּראָצענט, פאַרוואָס זאָלען מיר נישט זײַן פאַקטיש גלײַכבערעכטיגט.

דעריבער האָב איך בעשלאָסען נישט צו פּראָטעסטירען נעגען דער אַנטיסע-מיטישער טענדענץ פון די קראַנקען-קאַסע נאָר צו אײַך יודישע פערוואַל-טונגס-מיטגלידער איז געווענדעט מײַן פּראָטעסט און פון אײַך פאָדערט מען א ענטפער, איהר זײַט מחויב אויסצוהײַ-לען די הײַנטיגע קראַנקען-קאַסע פון איהר יודישע קרענק!

## הלכו לעולם.

א גרויסע טרער פאַלט פון מײַנע אויגען, ווען איך דערזעה זיך, אַז אונ-זער סײַם, אונזער געזעצגעבערישער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אַזוי פיעל גע-שאַפען אין משך פון די 4 יאָהר, האָט נעבעך די טעג אויסגעהויכט זײַן לעצ-טען אָטעם און איז אַוועק אין דער אײביגער רוה. אָ, דער סײַם איז דאָך געווען אונזער שטאָלץ, אונזער כבוד, מיר האָבען זיך דאָך מיט איהם גרויס געהאַלטען, מקנא'ען אַנדערע מדינות, וואו עס זײַנען נאָך פערהאַן מלפנים. עס, האָבען מיר געזונגען, וועהט אַז בײַ אונז איז דאָ די אמת'ע דעמאָקראַטיע, ווײַ אונזערע 444 דעפּוטאַטען מיט די 111 זקנים פון סענאַט. דאָס זײַנען אונזערע סנהדרין, דאָס זײַנען דאָך די אויסערוועהלטע פון פאָלק, דאָס זײַ-נען די שופרא דשופרא. אמת, זיי האָ-בען מאַקע אָבגעלעגט א בענדיל, זיי האָבען געהאַט א שעהנע פּענסיע, אויך אַנדערע ליבורים. זיי האָבען דאָך אָבער שווער און ביטער געאַרבייט און א דאַנק זיי לעבען מיר דאָך. און דאָ פלוצים א סוף, א עק, אין מיטען בליהען איז איבערגעהאַקט געוואָרען דאָס פּענסיע געבען, מײן איך די קאַ-דענץ. א שוידער נעהט מיר אַדורך די בײנער, איך בעדויער און דריק זײַ אויס מײַן מיטגעפיהל.

אויך אונזער ליעבע האַרציגע „קאַ-שטאַנקע", וועלכע האָט געטהון א הײַ-ליגע פּאַטריאָטישע אַרבײַט, וואָס האָט אין א משך פון יאָהרען געשטאַנען אויף זיך דעם ערשטען בירגער פון פּוילען, אונזער מאַרשאַל פּילסודסקי האָט פאַר גרויס עגמת נפש וואָס דער סײַם האָט נעבעך געענדיגט זײַער לעצטע ביסעל לעבען זיך אויך אָבגעשטאַרבען און איז געגאַנגען איהר וועג.

זײַ געזונט, דער סײַם און אויך די פרײַע איבערגעגעבענע קאַשטאַנקע האָ-בען עס געמאַכט אין אײן צײַט.

## אל תפרוש מן הצבור.

האָט מיר מײַן רבי פערטײַטשט דעם, אַז מאָטער, ווייסטו, אַז דער יודישער כלל טוט עפּיס א זאַך האָט עס א שײַכות צום יודענטום [illegible] זאָלסט צוזאַמען מיט איהם, סײַ אין פרײַ-דען און, סײַ אין לײַדען. און איהר ווייסט דאָך, אַז נגזרה דינקיתא פער-געסט מען נישט אַזוי שנעל. דעריבער איז בײַ יעדע אַקציע וואָס דאָס יודי-שע פאָלק נעמט אונטער, געהט דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמען.

עס איז אָבער אויפגעשטאַנען א נײַ-ער דור, וועלכע ווידערשפּעניגען דעם דאָזיגען אויבענדערמאָנטען פּסוק, ווע-רען זיי מאַקע בעטראַכט פון גאַנצען יודישען כלל אַלס אפיקורסים, בוגדים-מען רופט מען זיי די דאָזיגע חברה. דערפאַר וועלען אַלע די יעניגע וואָס זײַנען נישט קיין בונדיסטען מעגען זײַ זײַן פון פערשידענע פּאַרטײַען צוזאַ-מען מיט'ן יודישען כלל, דאָס האָבען מיר מאַקע געזעהען בײַם פאָריגען סײַם, בײַ די וואַהלען צום שטאָדט-ראַט ווען אַלע יודען זײַנען געגאַנגען אין אײנהײטליכען געשלאָסענעם פראָנט. אָבער א וועה, עפּעס א אומגליק איז געשעהן, די צײַטונגען ברענגען א ידיעה אַז בײַ דעם נײַעם סײַם, וואָס דאַרף געוועהלט ווערען וועט דאָס יו-דישע פאָלק נעהמען צוזאַמען, און אײן פּאַרטײַ, א חשוב'ע פּאַרטײַ, וועלכע האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף דער תורה, וואָס זאָגען אַז זיי האָבען אָב דעם קוצו של יוד פון דער תורה, זײַ די אָרטאָ-דאָקסען נעהמען זיך נאָר אָב פון כלל, בלײַבט בײַ מיר א קשיא ווי אַזוי וועלען זיי יעצט פערטײַטשען דעם פּסוק אל תפרוש מן הצבור.

לווין.

# פון דער פוילישער פרעסע.

## די „עפאקא" וואשט זיך ריין פון יודען.

אין דער היגער „עפאקא", וועלכע ערשיינט שוין א געוויסע צייט אין אונזער שטאדט מיט א קורצען זורדיק געהיידעט די טשענסטאכאווער אינטערעסען, האט זיך לעצטענ'ס אין א בעריכט, וועלכען די צייטונג האט מיבעקומען פון דער פוילישער האנדעלס-שולע נעפונען פאלגענדער קוריאז:

דער רעפארטער פון דער „עפאקא" דערצעהלט, אז ווען ער איז געקומען אין דער דאזיגער שולע האט אוהם דער לעהרער פון דער שולע בעגעגענט מיט א פערוואונדערטער פראגע, ווי אזוי קומען זיי פון דער „עפאקע" אין א פוילישער שולע? דער רעפארטער האט זיך פערוואונדערט און נישט פערשטאנען וואס דער לעהרער פון דער שולע איז אויסען מיט זיין פראגע, ביז דער לעהרער האט איהם ערקלערט: עס וואונדערט אוהם זעהר וואס א רעפארטער פון דער דאזיגער צייטונג, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען פון בלויז יודען קומט אין דער דאזיגער שולע. דער רעפארטער איז געבליבען שטעהן און האט איהם ערקלערט:

„איך קאן מיך און אלעמען פערזיכערן, אז צווישען אונז געפונט זיך נישט קיין איין יוד".

און אזוי ארום האט די „עפאקא" געפונען א געלעגענהייט זיך עפענטליך ריינצוואשען פון יודען דורך א קליינער און קורצער ערקלערונג.

פערשטעהט זיך, אז נישט פאר אונז איז די דאזיגע צייטונג אויסען געוועזען זיך ריינצוואשען פון יודען, ווייל מיר האבען זי דאך דארום קיינמאל נישט חושד געווען.

אבער דער פאקט איז א נעגינענדער בעווייז, ווי אזוי מען שעצט אב א פוילישע ראדיקאלע צייטונג אין די אנטיסעמיטישע קרייזען. ווען מען וויל אזא צייטונג פסל'ען זאגט מען קורץ, אז זי איז א יודישע, פונקט אזוי ווי מיט א צייט צוריק האט מען געהערט אין מארק ביי א קריסט האט געזאגט אויף אגענט פון די איצטיגע פיהרער פון דער פוילישער מלוכה: דאס איז דאך א זשיד.

כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס אויף דער דעריטאטנמער נאטיץ האט דער היגער „עקספרעס" געהאלטען דאס מאהל (אודאי אויך אוים מורא) פאר נויטיג צו „רעאגירען" און ער פרובט צו לערנען די עפאקא אז עס פאסט נישט פאר א דעמאקראטישער צייטונג זיך אבצוזאגען פון יודען. אין דער צייט ווען דער הויפט-רעדאקטער פון דער דאזיגער צייטונג און אויך איינינע היכסטע מיטארבייטער שטאמען פון יודען.

און דעריבער האלט ער, אז די „עפאקע" איז בעגאנגען א אומטאקט.

עס בלייבט נאר אונפערשטענדליך פארוואס דער „עקספרעס" וויל דוקא צושרייבען דער דערמאנטער צייטונג אז זי האט יא צו טהון מיט יודען, צי וויל ער דאמיט געפעלען ווערען צווישען זיינע פוילישע לעזער צי וויל ער נאר דערמיט רעקאמענדירען די „עפאקא" פאר די יודישע לעזער.

יעדענפאלס איז כדאי צו בעמערקען אז דאמאלס, ווען געוויסע פוילישע היי'ע צייטונגען טרעטען פון צייט צו צייט ארויס געגען יודען, דאמאלס נעמט דער „עקספרעס" אן א פול טויל מיט האסער און שוויינט — נאר בלויז דאמאלסט ווען די „עפאקא" פרובט צו פסל'ען א פוילישע צייטונג וואס ווערט רעדאגירט דורך יודען, פיהלט ער זיך פון דעם געטראפען און וויל זיך בשר'ן מיט דעם וואס אויך אין דער „עפאקא" ארבייטען יודען.

# טשענסטאכאווער מעשהלעך.

## 74 ער — 24 זי...

צו אלעם דארף מען זיין אן עושר, אפילו צו שטעהן אויף די צייטונגען, טוז מען אויך קודם-כל האבען די מעניא. אנ'ערימאן, דאס ער זאל נישט טהון מיט האט ער זאל נישט איבערשטעלען דעם עושר, בלייבט ער אין א ווינ, פיין שום צייטונג שרייבט נישט וועגען איהם. קיינער רעדט נישט וועגען איהם אזוי ווי ער וואלט נערנישט עקזיסטירט.

כ'מיין דאס אקעגען דעם רייכען קייזער ווילהעלם'ס שוועסטער, א נקבה פון א יאהר 64, וועלכע האט מיט עטליכע טעג צוריק חתונה געהאט מיט א רוסישען 27-יעהריגען בחור וובקשה. אלע צייטונגען פון דער גאנצער וועלט האבען זיך גאלר צושריבען וועגען דער דאזיגער אלט-יונגער חתן-כלה'ז מען האט איבערגעגעבען און אפילו פאטאגראפירט דן גאנצע חתונה צערעמאניע, אויסגערעכנט דאס בוסל מתנות, וואס די כלה גיט דעם חתן, פין אויך פערשידענע אנדערע פרט'ים און פון צופיל שרייבען האבען זיך די צייטונגען אזוי פערגאלאפירט, אז די רעכטע כלה האט בעפולמעכטיגט אנ'אדוואקאט פערקלאגען די דאזיגע צייטונגען אין געריכט.

די זעלבע צייטונגען, וואס האבען גאנצע שפאלטען פערגעבען ווילהעלמ'ס שוועסטער וועלען אבער מיט קיין איין ווארט נישט דערמאנען פון עהנליכע חתונה, וואס איז די טעג פארגעקומען ביי אונז אין טשענסטאכאוו אין וואו דער קאנטראסט פון יעהרען צווישען חתן און כלה איז אפילו גרעסערער, ווי ביי יענעם פאר פאלק און אלץ נאר דערפאר, וואס די העלדען פיר צו טהון מיט ארימעלייט.

אונזער טשענסטאכאווער חתן אברהם יעקב ג., א שוסטער, צעהלט ביים היינטיגען טאג 74 פריהלינג'ס, אזוי ווי ווילהעלם'ס שוועסטער, האט ער אויך איינגעזעהען אז לא טוב היות האדם לבדו און אנגעהויבען צו זוכען א חלק שני אזוי לאנג ביז... ער האט געפונען א מיידעל פון א יאהר 24, קריינדיל פ., אנ'אפת'דינ „צ טעס".

אמת, טו אויף זייער חתונה האבען זיך צווישען די געסט קיין פירשטען און גראפען נישט געפונען, קיין קרוינען בעת דער צערעמאניע האט מען אויף זייערע קעפ נישט געהאלטען, אבער א פאקט איז, אז בנוגע יאהרען, האט אונזער חתן-כלה-פאר געשלאגען דעם רעקארד, מחמת ווי לעדיגעהער האבען אויסגערעכנט וואלט אברהם יעקב ג. שוין לאנג געקענט זיין א זיידע פון זיין אייניקל ווי ס'איז זיין 24 יעהריגע כלה.

אבער טו מען האט נישט דן פאר גילדען וועלט נישט קיין רעקארד, קיין צייטונג שרייבט נישט וועגען זיי, קיינער פאטאגראפירט זיי נישט, אזוי ווי זיי וואלטען נערנישט חתונה געהאט, אזוי ווי דער חתן-בחור וואלט נישט געצעהלט העבער דריי מאהל צוויי-פיל יעהרען, פון די כלה.

אוי, אז מען האט נישט די מעמניא...

ט.

# רעוויזיע אויף א פערזאמלונג פון גרויס-פוילישען לאגער.

זונטאג אין אווענד איז אין זאל פון דער „לוטניא" פארגעקומען אנ'ארגאניזאציאנס-פערזאמלונג פון דער יוגענד, וועלכע געהער צום גרויס-פוילישען לאגער.

10 א זייגער אווענד איז אויף דער פערזאמלונג געקומען פאליציי און אויפגעשריבען אלע אנוועזענדע און אויך ארורכגעפיהרט רעוויזיעס אין די וואוינונגען פון די טעטיגסטע אין דער פערזאמלונג.

אויב עס איז ווער ארעסטירט געווארען איז אונבעוואוסט.

אויף דער פערזאמלונג זענען אנוועזענד געווען איבער 80 פערזאן, פון וועלכע די גרעסטע טהייל האט געהערט צו דער אקאדעמישער יוגענד.

ווי עס איז צו זעהען הויבען זיך אויך ביי אונז אין טשענסטאכאו צו ארגאניזירען די פאשיסטישע אינסטינקטע כוחות.

# טעלעגראפען-בלאנקעטען אומזיסט.

ביז איצט איז געווען בעשטימט דער פרייז פאר טעלעגראם-בלאנקעטען אין דער גרויס פון 5 גראשען א שטיק, וואס די פאסט האט צו יעדער דעפעשע צוגערעכענט.

איצט האט דאס פאסט-מיניסטעריום מיטגעטהיילט אלע פאסט-אמטען אז די דאזיגע בלאנקעטען וועלען דורך דער פאסט געגעבען ווערען די אינטערעססאנטען אומזיסט און פאר זיי וועט די פאסט נישט רעכענען.

# דער נייער אינוועסטיציע-שטייער.

דער מאגיסטראט האט פערעפענטליכט דעם סטאטוט וועגען דעם נייעם אינוועסטיציע-שטייער.

אין דעם סטאטוט ווערט געזאגט, אז אויף צו דעקען די הוצאות וואס זענען פערבינדען מיט'ן בויען א נייע שול-געביידע ווערט אינ'ם יאהר 1927.8 גענומען ווערען א ספעציעלער אינוועסטיציע-שטייער אין דער גרויס פון 56 טויזענד זלאטעס. די דאזיגע סומע וועט גענומען ווערען אין דער פארם פון א צונאב פון 10 פראצענט פון פאלגענדע שטייערן:

פון וואוינונג, האנדעלס-פאטענטען, אקציז-פאטענטען, אלקאהאל, פון בויפלעצער, שילדען און פלאקאטען, הינר פון לוקסוס-שטייער פון וואוינונגען.

אלזא צו 10 פראצענט וועלען גענומען ווערען אלס צונאגע צו די אלע אויבענדערמאנטע שטייערן.

דער דאזיגער צונאב ווערט בעשטימט ווערען דורכ'ן מאגיסטראט, נאכ'ן בעשטעטיגען דעם סטאטוט דורך דער אויפזיכטס מאכט.

מיר האלטען אז עס וואלט זעהר ריכטיג געווען אז אונזערע ראטמענער זאלען זיך נעהנטער פעראינטערעסירען מיט דעם דאזיגען נייעם שטייער און זיך בעמיהען ארורכצופיהרען אין איהם די נעהעריגע און נויטיגע ענדערונגען איידער ער ווערט בעשטעטיגט.

# לאזט נישט פריהרען אייערע ברידער!

(אויפרוף צו די טשענסטאכאווער יודען).

„הוה" גביר לאחיך — כי לשלג יאמר „הוה ארץ (מסורה).

דער ווינטער האט זיך היי-יאהר פריה איינגעשטעלט. דער שניי בעדעקט די דעכער און די ערד, דער פראסט דרינגט אריין אין די וואוינונגען דורך די פענסטער און טיערן, א שווידערליכע קעלט נעמט ארום אלע און אלעס, די צייטונגען האבען שוין וויענער געמירט מעהרערע טויט-פאלען דורך דערפרירונג. און ווען דער פערמעגליכער האט א מיטעל די קעלט צו פערטרייבען דורך ברענען און היצען דעם אויווען — וואס זאל אבער טהון דער ארימאן, וואס קען זיך אויף אזא „לוקסוס" נישט פערגינען, אזא „פערגניגען" נישט ערלויבען. ער האט נישט דאס נויטיגע געלד קויהלען זיך צו פערשאפען, דערצו נאך געהט ער און זיינע קינדער ארום נאקעט און בארוועס און האט צו-מאל נישט די נויטיגע מלבושים זיך כאטש פון מלחמה פון דער קעלט צו שיצען.

עס איז די הייליגע פליכט פון די בעמיטעלטע מענשען ביי יעדער געלעגענהייט נישט בלויז צו זארגען פאר זיך, נאר אויך פאר'ן צאהמען, פאר'ן נויט-בעדערפטיגען, וואס קען זיך אליין נישט העלפען. הוה גביר לאחיך — די בזיון א גביר, עס פעהלט דיר נישט, בעת זיי א גביר נישט בלויז פאר דיר, נאר אויך פאר דיין ארימען און נעדריקטען ברודער, כי לשלג יאמר הוה ארץ — נאך מעהר איז נויטיג דיין הילף און שטיצע, ווען דער פראסט איז גרויס, ווען דער שניי בעדעקט די ערד.

גוטע מענשען, נישט קענענדיג צוזעהען די פיין און קוואל פון זייערע פרירענדע ברידער, האבען גענומען אויף זיך די פליכט און אויפגאבע צו זאמלען צווישען די בארעמהערציגע יודישע איינוואוינער קויהלען פאר די בעדערפטיגע. די טשענסטאכאווער יודען האבען די לאגע פון די ארימע ליגען נאהענט אויפ'ן הארצען, מארען ביים בעזארגען זיך אויך נישט פערזעהן וועגען היץ-מאטעריאלען פאר די נויט-לידענדע און דארפען מיט אלע מעגליכקייטען אונטערשטיצען די דאזיגע נוצליכע אקציע, וועלכע האט רעם ציעל מעהרערע הונדערטער געפאלענע און געדריקטע ארויסהעלפען און ראטעווען פון קעלט.

וברכת האובדים עליהם תבוא.

**נחום אש אבדפ"ק.**

# קליינער פעליעטאן.

## מיין ביטערער גורל.

אויך זאג אפילו, אז איך בין אין א פינסטערער שעה געבוירען געווארען, די השגחה האט געוואלט אז איך זאל געבוירען ווערען א יוד און א שרייבער דערצו, ווי גלוקליך וואלט איך געווען ווען איך וואלט לפחות געווען א שרייבער אין א פוילישער צייטונג, און וואלט נישט געהאט דאס פערשאלטענע אונגליקליכע יחוס, אז מיין הארץ זאל נישט צאפלען ביי יעדען יודישען אומגליק, אז מיין פעדער זאל נישט דארפען שרייבען נאר וועגען בלוטיגע אינטערעסען פון די יודישע הארעפשאפטקעס, נאר מיין פוץ זאל זיין בעהויפט פון שעהנע הערליכע נגינים, אזוי ווי ביי די גוישע-יודישע שרייבער.

עס איז מיר שוין אמת'ן נמאס געווארען כסדר צו שרייבען וועגען אונזערע יודישע הענדלער, וואס מוזען ליידען אלס בעלי מלאכות און יודען דערצו, וועגען די האנדווערקער-קאמערען מיט די צעכען-גזירות, וועגען דעם, אז אויב עס קומט אויף א נייע צרה וועט עס קיינעם נישט טרעפען אזוי ווי אונזערע יודישע בעלי מלאכות, איך מוז שרייבען וועגען זייער ארומקייט, וועגען זייערע פאטענטען, וועגען די ואיינטטעטס וואס מען מאכט זיי, און אמטערראפטען פערדריסט מיך דעם וואס צו דעם טלעם פון מען זיי ערשט רופען אז זיי זאלען זיך ארגאניזירען אז אלע זאלען נעהמען צו זייער פעראיין, אז זיי זאלען מיטען אבצושאצען זייער ווערט, אז זיי זאלען פערלאנגען דאס וואס זיי קומט, ווארום די צרה איז נישט בלויז וואס זיי זענען ארים נאר דאס וואס זיי פערשטעהען נישט, אז עס קאן זיין בעסער.

איך וויל איבערגעהן צום טאג-סדר רגונג איבער די אלע פראגען. איך פרובט זיך זאל עס געהן ווי עס געהט אז זיי טלען וויכטיגען נישט און פערשטעהן נישט בעסער וועלען זיי בעסער נישט האבען, איז אבער די צרה מיט מיין הארץ, דאס איך קאן נישט דאס גלייכגילטיג צוקוקען און נעם די פעדער אין האנד אריין און שרייב פונדער וועגען די עולות וואס מען טהוט געגען די האנדווערקער און איבערהויפט וועגען די עולה וואס זיי אליין, די האנדווערקער גופא טהוען זיך דערמיט וואס זיי ווילען זיך אליין נישט העלפען.

דאס זעלבע איז מיט די קליינהענדלער. לעבט א גרויסע טייל פון די יודישע בעפעלקערונג וועלכע רופט זיך כלומרשט סוחרים, זיי דארפען דאס פיהרען דעם האנדעל אין פוילען, זיי זענען די וואס ווארנען אז די קאנסומענטען זאלען בעקומען זייערע פראדוקטען, זיי זענען די צווייטע אויפלאגע פון די האנדווערקער, יענע ארבייטען אויס סחורה און די פערקויפען עס, דאכט זיך אויך א נוצליכער עלעמענט, ווען מען קוקט זיך אבער צו צו זייער לעבען צו זייער פרנסה, צו זייער בעשטאנד ווערט איך פינסטער אין די אויגען, א גאנצען טאג געשמעלען ווערען: פאר קעלט אין דער נאס, און אויך דעם פערגינט מען זיי נישט, מען לאזט זיי נישט האנדלען א גאנצען טאג, ביי פון האנען וועלען זיי העבען צו בעשטעהלען די אלערלעי שטייערן און דער עיקר פון וואנען וועלען זיי האבען צו נעמען א שטיקעל ברויט אין טויל ארבייטען. און לעבען פון מען דאך, קינדער טויל מען דאך געבען ערציהונג און נאך מויזק-דער קליינקינדער האט א לעבעדיגער סענס פוז האבען.

נו שטעלט אייך פאר צוקוקענדיג דאס אלעס קאן איך בלייבען רוהיג? קאן איך נעמען די פעדער און שרייבען וועגען א גן עדן אויף דער ערד? נגן, איך מוז שרייבען דאס וואס איך זעה און חיות איך בין א יודישער שרייבער און זעה בלויז צרות, שרייבט מיין פעדער בלויז טרויריגע נגינים.

ווען איך, וואנדער ארום איבער די יודישע געסלעך און זעה ווי אזוי עס וואוינען מענשען ברודער, ווי זיי וואלגערען זיך ארום און זייערע שמוציגע דירות, ווי זיי האבען נישט קיין קויהלען איינצוהייצען און צו דערווארמען זייערע פינסטערע לעכער, אז זיי האבען נישט קיין מלבושים אנצוטאן זייערע נאקעטע לייבער, ווערט מיר קאלאפוטנע אויפ'ן הארצען, כ'נעם די פעדער אין האנד אריין און שרייב אוים מיט א יאמערליך געשריי: יודען העלפט! אייערע ברודער געהען אוים פון הונגער און קעלט.

ווען איך קוק זיך צו צום קולטור-לעבען אויף אונזער יודישער גאס זעה איך דאס זעלבע. ווען איך נעם למשל אונזער יודיש טעאטער וואס זעה איך? שפילט מען א ליטעראריש זאך ווערט זי בעזוכט פון א קליינע גרופע מענשען אזוי אז די ארטיסטען האבען אפילו נישט צו בעצאהלען פאר'ן זאל, ווען מען שטעלט אבער ארויס א גרעבע שונד - זאך ווערט דאס טעאטער איבערפולט.

פערדריסט דאך מיך אבער פארוואס אונזער עולם פיל דוקא קיין שמוזי און האט א הנאה דערפון אין דער צייט ווען מען וויל זיין געגעבען עפים גוטעס מיידען זיי דערפון און שרייען אז עס איז ביטער, מוז איך נעמען די פעדער און האנד אריין און שרייען: בהמות וואס איהר זענט פאר וואס פערשטעהט איהר נישט וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט.

אויך דאס קאסט מיך געזונט.

איך האב געמאכט אמאל א פרוב און בין ענטלאפען פון אונזער ארימער גאס, איך האב געוואלט פערגעסען וועגען אונזער חשכ'דיגען לעבען און בין אריין צוזאמען מיט מיינע פוילישע קאלעגען זעהן דאס עס טהוט זיך דארט ביי זיי אין דער פוילישער גאס, איך בין מיט זיי אוועק און זייער טעאטער, איך האב געזעהען ווי דארט איז אלעס שעהן, אז ווען מען שפילט א קלאסישע ליטעראריש זאך קומט א גרויסער עולם, וועלכער פערהאלט זיך רוהיג אז עס איז א פערגעניגען צו קוקען.

איך בין מיט זיי אוועק אין די ארבייטער-גאסען און האב געזעהען אז זיי, געפונען אפילו אין דער ארבייט זייער בעפרידיגונג, זיי ארבייטען אין גרויסע פאבריקען, פערדינען גאנץ נישקשה, לעבען זיך רוהיג און צופרידען מיט זייערע פאמיליעס, מוט די קינדער ערציהונג אויך דאס זעלבע, ביי זיי פלאגט נישט דער מוח אין מעט פאר א שולע זיי וואלען זייערע קינדער געבען, צי אין א יודיש-פאלישע, א העברעאישע אדער גאר אין א פוילישע.

איך בין מיט זיי אוועק אין „קרימ-מאל" און „פאר פארוסקים" זיך אוועקגעזעצט ביי א גלעזל קאווע, זיך געהערט ביי די הערליכע מוזיק, אנגעקוקט פון די ארטיסטען וועלכע טאנצען און בעוועגען זייערע קערפער-טעם ארום זיך האב איך געזעהען בלויז פרעהליכע פנים'ער און בין ארייננעצויגען געווארען אין דער אלגעמיינער פרעהליכקייט און האב געפיהלט עפים פיא מין צופרידענהייט, איך האב זיי מקנא געווען.

מיינע קאלעגען זענען געזעסען און האבען מקבל נחת געווען, זיי האבען געקענט האט צו שרייבען, וועגען די דאנסונגס, וועגען פרעהליכקייט, וועגען בעלער און איך, וועגען וואס זאל איך שרייבען, מיסטער וועגען אונזערע צרות?

אויך האב בעשלאסען אויך צו שרייבען וועגען פרעהליכקייט, בין אוועק אין רעדאקציע זיך געזעצט, שרייבען איינדרוקען וועגען מיינע א בעזוך אויף א דאנסינג, אזוי ווי איך האב נאר אנגעשריבען די ערשטע שורה, עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין א דעלעגאציע פון די נארגעצערסקא גאס און בעטען מיך אז איך זאל בעזוכען די ארימע פאמיליע ג. און זעהען אין וואס פאר א צושטאנד זיי לעבען און בעטען מיך אז איך זאל מעורר זיין די יודישע געזעלשאפט אז זי זאל רחמנות האבען.

די דעלעגאציע גיהט אוועק קומען צו? געהן די קלאפהענדלער און דערצעהלען וועגען דעם, אז מען טרייבט זי ארויס 2 זייגער פון מארק, זיי פאהרען צום מיניסטער, עקליכע יודענעס הויבען אן צו וויינען, עס קומען אנדערע מענשען און דערצעהלען וועגען זייערע טעגליכע צרות און מיין מירעל האט איך האב אנגעטרייבט אז זי זאל שפילען א פרעהליכען ניגון, פלעצט פלוצים א פשוטע און עס הויבט הענטער אן צו שפילען דעם אלטען בעקאנטען, טרויריגען, האכערינגען, טאג טעגליכען ניגון פון א גאנץ יאהר.

דעריבער מוז איך רעזיגנירען פון יום-טוב, איך בין א יודישער שרייבער און מיין טעמא איז דעריבער צו שעפען פון יודישען טאל וואס איז נאך נישט גליקליך.

א ביטערער גורל.

סמאל.

# דער פרייז פאר האנדעלס און אינדוסטרי-פאטענטען אויפ'ן נייעם יאהר.

דער פערקויף פון פאטענטען אויפ'ן קומענדיגען יאהר האט זיך שוין אנגעהויבען און וועט דויערען שטעמפעלס ביז'ן 31 ד. ח.

די פאטענטען וועלען פערקויפט נאך דעם אויספולען א דעקלאראציע, וועלכע דער פינאנץ-אמט גיט ארויס אומזיסט.

דער פרייז פון פאטענטען אין טשענסטאכאו איז פאלגענדער:

פאר האנדעלס - אונטערנעהמונגען:

1-טע קאט. 2 טויזענד זלאטעס, 2-טע 270 זל, 3-טע—50 זל, 4-טע—20 ז, 5a-טע אויף צופוהר-האנדעל—50 זל, 5b-טע פאר ארומטראג-האנדעל—15 ז

פאר אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען:

1-טע קאט.—6 טויזענד זל, 2-טע—4 טויזענד זל, 3-טע—2 טויזענד זל, 4-טע—600 זל, 5-טע—200 זל, 6-טע 80 זל, 7-טע—40 זל, 8 טע—10 זל.

דער פרייז פון א רעגיסטראציאנס-קארטע איז 10 זל.

צו די פרייזען פון די פאטענטען קומען צו צונאגען אויף קאמונאלע צוועקען 30 פראצענט, אויף האנדעלס-שולען 25 פראצענט און אויף די האנדעלס האנדווערקער-קאמערן 15 פראצענט, ווי אויך די אויסערגעווענליכע צונאגע פון סקארב אין דער גרויס פון 10 פראצענט, אזוי ווי צ. ב. א פאטענט 3-טע האנדעלס - קאטעגאריע קאסטען און צונאגען 15, 12,50, 7,50 און 5, צוזאמען 90 זל.

דאס זעלבע איז בנוגע די פאטענטען פון די איבריגע קאטעגאריעס.

# דער „טאז" עפענט 4 וויכטיגע אנשטאלטען.

זונטאג דעם 4 ד. ח. 12 אזייגער קומט פאר אין „טאז"-פאוויליאן ביים יודישען שפיטאל די ערעפנונג פון 4 הילפסיגע אנשטאלטונגען וועלכע זענען מיר האבען שוין געשריבען אין אונזער צייטונג מיטגעטיילט. 1) קאנסולטאציעס פאר מוטער'ס און קינדער, 2) קאנסולטאציעס פאר שוואנגערע פרויען, 3) שול - היגיענא קאבינעט, 4) צאהן-ארצט קאבינעט.

עס איז אנגענג צו ערקלערען די וויכטיגקייט און נויטהוענדיגקייט פון די דאזיגע אנשטאלטען פאר דער היגער יודישער בעפעלקערונג, און ס'איז צו האפען אז די היגע יודען וועלען וויסען צו אפשאצען די טעטיגקייט פון „טאז" און איהם מיטהעלפען אין זיין פרוכטבארער ארבייט

Perlmuttera Ultramaryna

jest bezwzględnie najlepszą i najwygodniejszą farbą do bielizny, wapna celów malarskich.

Odznaczona na wystawach w Brukseli i Medjolanie złotymi medalami.

Wszędzie do nabycia.

שוין ערשינען

וואכען - קאלענדאר

„די וואך".

פאדערט אומעטום ביי

יעקב שטייער. 2 אלעע 18.

myją się chętnie znanem mydłem „Kołłontay z pralką“, gdyż jego silna, łagodna i glicerynę zawierająca piana nie szkodzi nawet najdelikatniejszej skórze dziecięcej. Nie zaszkodzi nawet, gdy przy wesołem pluskaniu spotrzebują trochę więcej mydła, gdyż mydło „Kołłontay z pralką“ jest równie dobre jak tanie, za kilka groszy otrzymać można dość duży kawałek. Proszę dbać o to, by mydła „Kołłontay z pralką“ nie zabrakło nigdy w domu Szanownej Pani.

גאָלדענער מעדאַל אויף דער אויסשטעלונג אין קאַטאָוויץ 1927.

פאַבריקאַנט אין משענסטאָכאָוו: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15

**Płatki owsiane**
**Quaker Oats**
— idealnie oczyszczone —
**dodają sił wszystkim schorzałym. Specjalną ulgą przynoszą chorym na cukrzycę.**
**Zalecane przez lekarzy całego świata.**

Przedstaw.: H. Norymberski, Częstochowa, Strażacka 10

געברויכט נאָר „פּאָטאָקאָל“

וועלכער איז אויף דער ווירטשאַפטליך שפּייז - פּראָדוקטען - אויסשטעלונג אין קאַטאָוויץ (8|9—9|10 1927) בעלוינט געוואָרען מיט א

**גאָלדענעם מעדאַל**

הכשר פון הרה"ג צבי חנוך הכהן שליט"א לעווין אבדק"ק דבענין.

**Poszukujemy**
**zaufanją godnej osoby**
dla której w jego miejscu zamieszkania zamierzamy urządzić filję naszego przedsiębiorstwa. Zawód i miejsce zamieszkania obojętne. Stały dochód miesięczny zł. 1500 - Reflektant zajmowałby się pod kierownictwem Dyrekcji prowadzeniem filji, a specjalnie podziałem towarów (żaden skład) na swą okolicę. Zawód obecny można zatrzymać. Zgłoszenia pod „Filja nr. 331“ do Biura Ogł. „PAR“ w Poznaniu Al. Marcinkowskiego 11

**WYCIEŃCZENIE-BLEDNICE**
LECZY
**HEMOGEN**
przetwór żelaza
MAGISTRA KLAWE



ORYGINALNY TYLKO Z FIRMĄ
**KLAWE**

**צו א געוועלב אין אַלטען מאַרק**
פּאַסענד צו יעדער בראַנזשע
**ווערט געזוכט א שותּף**
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע.

## די לעצטע גאַסטראָלען פון דער אַרטיסטין מ. יאַלעס.

די אַרטיסטין מאַלווינאַ יאַלעס פערענדיגט איהרע גאַסטראָלען אין משענסטאָכאָוו. נאָך הײַנט פרײַטאָג און מאָרגען שבת שפּילען מיר האָבען די געלעגנהייט צו בעוואונדערען די טאַלאַנטפולע קינסטלערין, וועלכע האָט אין משענסטאָכאָוו געוואונען די אַלגעמיינע סימפּאַטיע און אנערקענונג פון אַלע טעאַטער-ליבהאָבער.

לעצטענס האָבען מיר געזעהען די פ"ר יאַלעס אין דער פּיעסע „די מאַמע פון דער וועלט“, מיר מוזען אנערקענען אז פ. יאַלעס איז געווען הערליך, זי האָט געשלאָגען דעם רעקאָרד פון די אַלע אַרטיסטינעס וואָס האָבען זיך ח.ע. בעוויזען אין דער ראָלע.

אין אלגעמיין איז די פ"ר יאַלעס א אַרטיסטין מיט א אַלזייטיגען טאַלאַנט וואָס איז זעלטען בנמצא. זי איז פּאַטעטיש און האָט דעם כח צו האַלטען דעם פּובליקום אין שפּאַנונג.

א שאָד, א גרויסע שאָד, וואָס פ"ר יאַלעס פאָהרט שוין אב, מיר האָפען דאָך נעהמען אז אין קורצען זאָל זי אונז ווידער בעזוכען און ווידער אונז פאַרשאַפען דעם נחת רוח, וועלכען מיר האָבען געהאַט דורך די קורצע צײַט וואָס זי האָט בײַ אונז פאַרבראַכט.

הײַנט פרײַטאָג ווערט געשפּילט די פריילעכע אָפּערעטע אין 3 אקטען „רוסקעלע בלאָפער“. מאָרגען שבת נאָכמיטאָג „די סודות פון דער וועלט 976“, שבת אָוונט די לעצטע אַבשיעדס-פאָרשטעלונג פון דער מאַדאַם יאַלעס, א פּרעמיערע, גרויסער אָפּערעטען פּיקניק, 4 אקטען מיט אַ נאַכט מיט מאַלווינאַ יאַלעס אין דער הויפּט-ראָלע.

עס איז זיכער צו האָפען אז אַלע ליבהאָבער פון יודישען טעאַטער וועלען זיך קומען געזעגענען מיט דער בעריהמטער אַרטיסטין און די דרײַ פאָרשטעלונגען צאָהלרײַך בעזוכען.

## א בריעף אין רעדאַקציע.

ג. ח' רעדאַקטאָר!

מיר האָבען דעם כבוד אײַך בעטען צו געבען פּלאַץ אין אײַער חשוב'ער צײַטונג פאַר פאָלגענדען:

בײַ דער הײַנטיגער קרימישער צײַט און דעם קאַלאָסאַלען עפּיזאָד וואָס הערשט בנוגע אונזערע אָרימע יודישע פאַמיליעס, איז א אויסנאַהם דער ברעקע פון בית לחם ה' איזידאָר פריינד וועלכער אויסער זײַנע אונטערנעהמונגען פּעקעלעך למובת דער געזעלשאַפט שפּייזט ער דעם „בית לחם" פון ערשטען טאָג אָן זינט ער איז געוואָרען פּרעזעס, מיט'ן געבען אונטערגעריכטע לאַנג-טערמינינגע געלד-הלוואות, א דאַנק וועלכע מיר האָבען געהאַט די מעגליכקייט אדורכצופיהרען די פּראַקטישע פערטיילונג אויף די פערשיעדענע ימים-טובים, מיט זיין אָנגעזעהענעם דו קויפען פערטיילונג פאַר די בכבור'ן אייס'ן הײַנטער, אז מיר בכלל קען מען זאָגען, אז דער בית לחם עקזיסטירט נאָר א דאַנק איהם, און ה' פריינד קען ווירקליך דינען אלס בײַשפּיעל פאַר די יורען פון אונזער שטאָדט.

מיר דריקען א חם דאַנקבאַר אויס אונזער הערצליכסטען דאַנק און טיעף פיל אַנערקענונג פאַר זײַן האַרטע און ברידערליכע בעציהונג צום „בית לחם" און צו הונגעריגע אָרימע בכבור'ע פאַמיליעס.

די פערוואַלטונג פון „בית לחם" אין משענסטאָכאָוו.

## דער נײַער פּאָסט-טאַריף.

פון נעכטען דאָנערשטאַג אָן פּערפלוכטעט א נײַער נעהכערטער פּאָסט און טעלעגראַפען-טאַריף.

דער נײַער טאַריף איז פאָלגענדער:

אין לאַנד גופא קאָסט דאָס איבערשיקען א געוועהנליכען בריוו פון 20 גראַם די מאָל — 25 גראָשען (אַנשטאָט פּאָסט-מאַרקע דאַרף מען אָנקלעבען), א בריוו וואָס וועגט פון 20 ביז 250 גראַם — קאָסט 50 גראָשען, א בריוו אין דער וואָג פון 250 ביז 500 גראַם קאָסט 80 גראָשען. א פּאָסט-קאַרטעל — 15 גראָשען, דרוק-זאַכען ביז 25 גראַם — 5 גראָשען, ביז 50 גראַם — 10 גראָשען, ביז 100 גראַם — 15 גראָשען.

רעקאָמענדירטע א בריוו (פּאָלעצאָנע) 60 גראָשען, עקספּרעס—80 גראָשען.

קיין אויסלאַנד קאָסט א בריוו, וואָס וועגט ביז 20 גראַם 50 גראָשען, א בריוו קיין עסטרײַך, טשעכיען, רומעניען און אונגאַרן קאָסט נאָר 40 גראָשען. א פּאָסט - קאַרטעל קיין אויסלאַנד קאָסט 30 גראָשען, קיין עסטרײַך, טשעכיען, רומעניען און אונגאַרן קאָסט נאָר 25 גראָשען, רעקאָמענדירטע בריוו—90 גראָשען, עקספּרעס 1 ז.

פאַר טעלעגראַמען איז איינגעפיהרט געוואָרען פאָלגענדער אָנצאָהל: פאַר יעדען וואָרט 15 גראָשען און 50 גראָשען גרונד-אָנצאָהל. אָפּ-רעפּעשען 45 גראָשען פאַר יעדען וואָרט.

## פון לינת הצדק.

די פערוואַלטונג פון לינת הצדק איז ענדליך געלונגען צו פאַרברייטערען איהר טעטיגקייט און צופרידענצושטעלען די אָרימע קראַנקע מיט דעם, וואָס זי האָט צוגעצויגען צו דער אַרבײַט כמעט אַלע יודישע דאָקטוירים פון אונזער שטאָדט. אזוי אז די אָרימע קראַנקע וועלען זיך קאָנען אויסקלייבען וועלכען דאָקטאָר זיי וועט געפעלען, און בײַ איהם זיך קורירען.

די היגע יודישע בעפעלקערונג דאַרף נעהמען דאָס נעמען אין אכט און דעם לינת הצדק בײַ יעדער געלעגנהייט אונטערשטיצען, כדי איהם צו געבען די מעגליכקייט זײַנע וויכטיגע אויפגאַבען אויסצופיהרען.

## א גרויסע קויהלען - אַקציע פאַר נויטבעדערפטיגע.

צוליעב דעם הײַ-יאָהריגען פריהען ווינטער און צוליעב דעם שווערען קריזיס, וועט די פיעל נויטבעדערפטיגע האָבען נישט די מעגליכקייט זיך איינצוקויפען אפילו שביסעל קויהלען האָט דער היגער רב ר' נחום אש גענומען די איניציאַטיוו אדורכצופיהרען אין אונזער שטאָדט א גרויסע קויהלען-אַקציע, וואָס זאָל געבען די מעגליכקייט כמעט טעגליך צו לינדערן די טראַגישע לאַגע פון די יורדים.

כדי די דאָזיגע אַקציע זאָל ווערען אָרגאַניזירט אויף א געהעריגען אופן האָט דער רב צוזאַמענגערופען דעלעגאַטען פון די אינסטיטוציעס, וואָס האָבען זיך די לעצטע יאָהרען פאַרנומען מיט דער קויהלען-פערטיילונג, פון „דאַבראָטשינגאָשטש“ און „בית לחם“, און צוזאַמען האָט מען זיך פאַרנומען, מיט'ן בעזאָרגען די נויט - לײַדענדע מיט קויהלען.

ס'איז צו ערוואַרטען, אז די יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאָדט וועט אנערקענען דעם דאָזיגען חסדיגען ציעל און שטיצען די אונטערנעהמונגען אַקציע.

## געשאַפען א עלטערן - קאָמיטעט בײַ די היגע יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס.

א גרופּע עלטערן פון די שול קינדער פון די היגע יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס האָט זיך געווענדעט צו דער פערוואַלטונג מיט דער ביטע אז די פערוואַלטונג זאָל צונויפרופען א פערזאַמלונג פון די עלטערן מיט'ן צוועק אויסצוועהלען שריט אויסצוגלייכען נעהויסע פינאַנציעלע פערהעלטנישען און אויך אנדערע אויסבעסערונגען אין די שולען.

אויף דער ערשטער פערזאַמלונג פון די עלטערן וואָס איז פאָרגעקומען פערגאַנגענעם זונטאָג איז געשטעלט געוואָרען אויפ'ן טאָג-אָרדנונג די פראַגע וועגען געפינען א אויסוועג אז מען זאָל נישט דאַרפען אהיימשיקען די שול-קינדער צוליעב'ן נישט בעצאָהלען דעם שכר לימוד אין דער צײַט, עס איז פאָרגעלייגט געוואָרען אז אַלע עלטערן זאָלען געבען פאַראויס וועקסלען אויסגעשטעלט מיט טערמינען אויף יעדען מאָנאַט אויף דער סומע וואָס זיי דאַרפען צאָהלען. אזוי אז די פערוואַלטונג זאָל זיין געדעקט, און די עלטערן זאָלען יעדען מאָנאַט אויסלייזען זייערע וועקסלען אין דער צײַט ווען זיי דאַרפען דעם שכר לימוד צאָהלען.

עס איז פראָיעקטירט געוואָרען איינצואָרדענען אין דער שול נאַכמיטאָג-קורסען פאַר רעליגיעזע לימודים אונטער דער השגחה פון ד"ר הערשבערג.

עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען א קאָמיטעט פון פאָלגענדע ה"ה: הערמאַן מײַפּלעס, יעקב לעוויט, מ. ד. שלעזינגער, יעקב נעלדמאַן, פרוי ד"ר ליבינסקאַ, פרוי בוגאַיער, מ. א. לעהקאָוויטש, שלמה מיטקאַ, מ. א. לאַסטמאַן, מ. ח. בראַטמאַן, אַבּרהם סויקאַ, און 6 פערטרעטער.

די גיכּדע פּראָיעקטען זײַנען דורך די אַנוועזענדע גענומען געוואָרען צו קענטניש, און וועלען אויף די ווײַטערע פערזאַמלונגען נאָכ'ן פערשטענדיגען זיך מיט דער פערוואַלטונג ערלעדיגט ווערען.

**קאָפּ-ווערטאָג און ערשעפּונג**

זען אויך מאַגען-פערדאַרבונג, לעבער-קראַנקהייטען, נירען, גאַל-שטיינער, רעהמאַטיזם-שמערצען, העמאָרידען - וועהטאָגען קומען פון זעהר צוליב דער שלעכטער שטאָף-וועקסלונג און פערוואונרייניגונג פון בלוט און מעגליכע אָרגאַניזם.

**Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera**
היילען צו א נומער שטאָף-ענדערונג, ערוועקען צו פערדײַען, ריינינגען דאָס בלוט און אלערערשט מאַכען געזונד דעם מאַגען און בריינגען צו א רעגולערער פונקציע פון דער לעבער און נירען, וואַדי בעקוועמען שטולגאַנג.

**Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera**
בעזײַטיגען פון אָרגאַניזם די נישט פערדייטע רעשטלעך, וואָס אויך בעקעמפען דאָס שטיינען זיך פון פערוויצונגען וואָס איז גורם צו רעהמאַטיזם און אַרטעריאָ.

**Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera**
בעזײַטיגען און פערהיטען דאָס שאַפען זיך פון גאַל-שטיינער און פערמילדערען די העמאָרידאַל-שמערצען.

**פּרײַז פון א האַלב שאַכטעל 1.50**
**א דאָפּעלט שאַכטעל 2.50 זל.**
צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק סקלאַדען

**פאַרזיכטיג סוחרים!**

קויפט נישט פריהער קיין בערשטען, ביז איהר וועט זיך נישט איבערצייגען וואו איהר בעקומט

אין נײַ-געעפענטען לאַגער פון אייגענע אויסאַרבײַטונגען

ווי: בערשטען, טושפּאַטשקעס, פּיעטעלקעס, פּענזלעס, אַלע זאָרטען, ביציסקעס און בעזעמען, רייט, שערוי-בענקעס, טעפּערונקעס און שנירען צו וועש, פּראַלקעס אַלע זאָרטען, קינדערלעך און היפּערראָשקעס קעקסעסלעך.

ערשטע קוואַליטעט. ביליגסטע פּרייזען. און צו בעקוועמסטע בעדינגונגען בעקומט מען נאָר בײַ

**פ. שלעזינגער, 1 אַלעע נר. 3 אין הויף.**

**לעזט אויפמערקזאַם!**

די אַלט-רענאָמירטע פאַבריק פון ווײַן און מעהד

**לייביש גאָלד, נייער מאַרק נר. 11**

מאַכט בעקאַנט, דאָס פון קינפטיגע פרײַטאָג הבעל"ל פ' ויצא ד. 12|2 וועט ווערען פערקויפט

**א גאַנצע פלאַש ווײַן אויף קידוש פאַר 1 זל. 10 גר.**

**און א קלײַנע פלאַש פאַר 60 גר.**

אויך בעקומט מען בײַ מיר פּריטאַ, עבסע, ריינע אונגאַרישע טעקיי, וואַדיקלאַ-ווײַנען אויך בשר'ן עלטען ריינעם אונגאַרישען טרויבען רויט-ווײַן פאַר מאַגען-לײַדענדע.

נאָר 1 זל. 10 גר. נײַער מאַרק נר. 11

נאָר 1 זל. 10 גר. נײַער מאַרק נר. 11

נאָר 1 זל. 10 גר. נײַער מאַרק נר. 11

נאָר 1 זל. 10 גר. נײַער מאַרק נר. 11

**„DLA ZNAWCÓW“**
**najwyższy opatentowany gatunek gilz**
z trzema watami oraz ustnikiem bezdrzewnym
poleca:
**fabryka gilz i bibułek**
**M. PASCHALSKI,**
**RADOM.**

## טרעקלערונג.

איך ערקלער, אז די נאָטיץ אין דער „משענסטאָכאָווער צייטונג" נומער 49 וועגען די 2 שותּפים פון הויז רוג נאַדרוזשנע און סטראַזשאַצקאַ, וואו איך זאָל האָבען פערדינגען א געהעלט א קויפט כדי צו קאָנקורירען מיט דעם יודישען געהעלט-סוחר און דערמיט איהם צונעמען די פּרנסה, שטימט נישט איינגאַנצען מיט דער ווירקליכקייט.

1) איז דער ח' ז. נישט קיין שותּף, נור ער האָט געגעבען אויפּס בײַ א ווירט 5 פּראָצ. און ווײַנער פאַר זײַן אייגענער דירה צאָהלט ער דירה-געלט און 2) קאָן איך אויסווײַזען אז דער ח' ז. האָט געהאַלטען מיך וואָגיגדען. אויף דעם האָב איך בעווייזען פון די אורטיילען וואָס עס האָט אויסגעגעבען וועגען דעם ענין דער ראַבינאַט, דער סוחרים-פאַראײַן און דער היעראָזשאַנער רבי. דעריבער האָט ער מיך בעליידיגט נישט איך איהם, צו וועדער צײַט קאָן איך דאָס מאַכען בעקאַנט.

מיט אכטונג שלום שחורק

Lekarz-Dentysta
**MAREK GRÜN**
**przeprowadził się**
w II Aleję № 24, front, II piętro.
Przyjmuje od 10—2 i od 4—7.

Lekarz-dentysta
**ARTUR BRONIATOWSKI**
I-sza Aleja 8.
נעמט אָן טעגליך פון 9 פריה ביז 1 מיטאָג און פון 3 ביז 7 אָוונט.

**הייזער אין בערלין**
קויף איך. צאָהל קאַסע. ערלעדיג אין לאָדז
**H. Marcus**, Berlin, Wilmersdorf
Motzstrasse 49, tel. Pfalzburg 9704
אויך צו ערקונדיגען אין לאָדז
**Makrus, Łódź, Narutowicza 9.**

טעאַטער **נאָוואָשטשי** אַלעע 12. לעצטערקאַנס האַלב 10.

פּראָגראַם פון שבת דעם 3 ביז מאָנטאָג דעם 5 ד. ח.

ריזיגע עקזאָטישע דראַמע וואָס איז רײַך מיט א רײַהע שפּאַנענדע בילדער א. נ.

**Aloma, córa morza**

אין דער הויפּט-ראָלע **הילדא גראַי** און **וואַרנער באַקסטער**

נישט געזעהענע אויפנאַהמען פון א שטורם אויפ'ן ים.
די ליעבע פון א ווילד מיידעל צו א היפּשען מענשען.
ווילדע נקמה פון א געבוירענען נעגער א ווײַסען מענשען.

טעאַטער **„נאָווי“** לעצטער סעאַנס האַלב 10 זײַ. אַלעע 43.

פּראָגראַם פון דאָנערשטאַג דעם 1 ביז מאָנטאָג דעם 5 ד. ח.

פּאַריז! — פּאַריז! — פּאַריז!

**W SALONACH i SPELUNKACH PARYŻA (SZOZUR)**

אויפרעגענדע מעהליכע דראַמע פון רײַפּקייט און שוידערליכקייט אין 10 אקטען.

די גרעסטע אַטראַקציע פון סעזאָן. — פילם פאַר יעדען פּובליקום. — גרויסע סענסאַציע.

אין די הויפּט-ראָלען: **מאַק מאַריש** שעהנע אַמעריקאַנערין, **איווער נאָוועלאָ** גאָ-

טעלגער פון רודאָלף וואַלענטינאָ — צוגלענדער, **ראָבערט שוואַלק** דעמאָ, **אויזאַבעל**

**ושאַנס** שעהנע מעקסיקאַנערין, **מאַריעס אולם** פראַנצויזין.

פּאַריזער ביערסטאָל און האַלב-וועלט. — פראַנצויזער רעמאַן פון אנ'אַריסטאָקראַט מיט א

ליעבהאַבערין פון א אַפּאַש. — דאָס נאַכט-לעבען פון דער הויפּט-שטאָט פון דער וועלט.